# תשורה

משמחת הנישואין של
שניאור זלמן הלוי ודבורה לאה שי'
פייפ

ח"י אדר שני ה'תשפ"ד

# התשורה שחולקה בעת חתונת כ"ק אדמו"ר



בעזה"ית

שלום וברכה

לזכרון טוב, ליום כלולת בתי הכלה המהוללה מ' חי' מושקא תחי' עם בחו"ז החתן הרב מ' מנחם מענדל שי'. הנני בזה לכבד את כל המשתתפים תוך דשמחתנו, מקרוב ומרחוק, בתשורה המוסגרת בזה. העתק מכתב כתב יד קדשו של הוד כ"ק אדמו"ר אאזמו"ר, אבינו הראשון, רבנו הגדול זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע. אשר סגולה יהי' לכל אלו דאיתנהו בנפש ועד בשר. בתוככי ידידינו אנ"ש, ד' עליהם יחיו, וכל מחבבי תורה יחיו.

בשמחה וברכה

יוסף יצחק

ישיבה "תומכי-תמימים דליובאוויטש"

ג' י"ד כסלו. תרפ"ט. ווארשא.

פרשת מכתב קדש זה הוא, כי היחס בין החסידים ומנגדיהם בעת ההיא הי' במצב כזה. אשר באחת האספות של אנ"ש בווילנא חוו קבוצת אברכים ומופלגי תורה מצעירי החסידים דעתם לצאת לריב עם מנגדיהם ומאנו להוסיף ללכת בעקבי. מתוני אנ"ש שבראשם עמד פרנס הקהלה החסיד ר' מאיר בר' רפאל נ"ע אשר כחמשה ששה שנים (תקנ"ח - נו יארק) עמלו והשתדלו בדבר הבאת שלום ובאספה ההיא תמך החסיד ר"מ נ"ע בידם של הצעירים ויצאו בדברים יוצאים מלב פועל, מרוב התרגשות שסבלו, נגד החסיד רמב"ר נ"ע

באותו מעמד שלח רבנו הגדול אליהם ציר מיוחד. ואמר. הצדק אתכם. אבל הנוח טוב על הלב, וזאת היא עבודת אנ"ש להיות לבם ברשותם ומכון לאהבתו ויראתו ית'. ולבא [illegible] לכל שיפין בפועל [illegible] מדות באהבת כל ישראל לטובה וסוף כבוד אלקים לבא כאשר יפוצו מעינות מעין בית ד' אשר נגלה ע"י מורנו הבעש"ט נ"ע ומלאה הארץ דעה את ד'

ובחדש אלול דשנה ההיא שלח רבנו הגדול מכתב זה להחסיד ר' משה נ"ע





בעה״ית

# פתח דבר

לזכרון טוב, ליום כלולות צאצאינו החתן הרה״ת **שניאור זלמן הלוי** שי׳ עם ב״ג הכלה המהוללה מ׳ **דבורה לאה** תחי׳,

ועל יסוד הנהגת אדמו״ר הריי״צ, בעת חתונת כ״ק אדמו״ר והרבנית הצדקנית נ״ע, ביום הבהיר י״ד כסלו תרפ״ט –

הננו בזה לכבד את כל הנוטלים חלק בשמחת לבבנו, מקרוב ומרחוק, בתשורה זו – הכולל צילומי כתבי יד קודש מכ״ק אדמו״ר נשיא דורנו. רוב החומר **מתפרסם בזה לראשונה**.

תשורה זו כוללת:

(א) עלי הגהה על קובץ־ליובאוויטש חוברת יד.

(ב) הגהות על שיחות משנות תשמ״ט-תש״נ.

(ג) מענות קודש בקשר לשיחות.

(ד) הערות ומראי־מקומות לספרי קה״ת.

(ה) הגהות על Talks and Tales באנגלית.

לחביבותא דמילתא ובעמדנו בסמיכות לי״א ניסן הבעל״ט, בא בסוף התשורה מענה לאבי החתן שי׳ בקשר עם י״א ניסן.

תודתינו נתונה לכמה מחברי מערכת ״**מפתח**״ על עזרתם המרובה בהכנת התשורה לדפוס.

ויהי רצון, שתיכף ומיד ״ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול ששון וקול שמחה״ האמתי, כאשר ״נזכה זעהן זיך מיטן רבי'ן״, בהתגלות כ״ק אדמו״ר נשיא דורנו, תיכף ומיד ממש!

בשמחה ובברכה
מוקיריהם ומכבדיהם

**משפחת פייפ**
ברוקלין, ניו יארק

**משפחת בערנשטיין**
פריהולד, ניו דג׳ערזי

יום ה׳ פ׳ צו, ח״י אדר שני ה׳תשפ״ד
לייקוואוד, ניו דג׳ערזי

# עלי הגהה על קובץ־ליובאוויטש

אין די הייינטיגע סדרה – פ' שמות – הויבט זיך אן דער ספור וועגען גלות מצרים, וימררו את חייהם בעבודה קשה בחומר ובלבנים, עבודת פרך.

דער סדר פון דעם שיעבוד הגלות איז געווען, אז פריהער האבען די אידען אנגיהויבען אכצוגעבען צו ביסלעך אין רוחניות, מען האט נאכגיגעבען די מצריים וואס זיי האבען געפאדערט, און נאכהער איז געווען דער שיעבוד הגלות אין גשמיות.

די התחלה איז געווען מיט דעם וימררו את חייהם, וואס דאס איז תורה, ווארום דאס איז דאך דער חיות פון א אידען, און אז מען האט נאכגיגעבען אין רוחניות, איז געווארען דער שיעבוד אין גשמיות, $$$$$$$$$$$$$$$$ בעבודה קשה בחומר ובלבנים וגו'. $$$$$$$$$$$$$$

אין ספר פנים יפות שטעהט וועגען דעם וואס פרעה האט געזאגט, לכו לסבלותיכם, ווייל שבט לוי איז ניט געווען משועבד צו פרעה'ן, נאר זיי האבען געטאן זייער אייגענע ארבעט, לסבלותיכם, אייער ארבעט. און דער פנים יפות איז מבאר דעם טעם פארוואס שבט לוי איז ניט געווען משועבד, ווייל שבט לוי שטעהט, וללוי אמר תומיך ואוריך לאיש חסידיך. תומיך מיינט מצות מילה, ואוריך מיינט תורה, וואס שבט לוי איז געווען גאנץ אין דעם אויך בשעת הגזירה, דערפאר זיינען זיי ניט געווען אונטער דעם שיעבוד פון פרעה'ן. מה שאין כן די אנדערע אידען, וואס זיי האבען נאכגיגעבען די גזירה אין תומיך ואוריך, איז דאס געווען א התחלה אויך צום שיעבוד בגשמיות.

ולכאורה איז דאס ניט מובן, בשלמא דעם ענין תומיך זו מצות מילה, זיינען זיי געווען מחויב מצד דעם ציווי וואס איז געווען לאברהם אבינו, אבער אין די אנדערע עניני תורה זיינען זיי דאך ניט געווען מחוייב, ווייל ס'איז דאך געווען פאר מתן תורה. אויף מוסר נפש זיינען זיך, איז דאך דא א הקירה, צי זיי זיינען געווען מחוייב אין מסירת נפש, ווארום ס'איז דאך דא א סברא, אז זיי האבען געהאט א דין פון בן נח שאינן מחוייבין במס"נ, היינט ווי קומט עס, אז צוליעב דעם וואס זיי האבען זיך ניט מוסר נפש געווען, זאל דערפאר זיין דער שיעבוד מצריים?

איז פון דעם א הוראה, אז עס האנדעלט זיך וועגען רוחניות, ניט נוגע צי מען דארף זיך מוסר נפש זיין אדער ניט, עס איז אפילו ניט נוגע אויב מען איז מחוייב טאן דעם עצם ענין מצד הדין, צי דאס איז א הנהגה וואס דער רבי האט איינגעפירט, אדער א פריהער־דיגער רבי. אויב עס האנדעלט זיך וועגען רוחניות, דארף מען ניט אננעמען קיינע גזירות, און גיין מיט די גרעסטע שטארקייט.

ווארום גשמיות איז אפהייננגינק פון רוחניות. גיט מען נאך א גזירה אין רוחניות, שפארט אויס די גזירה אויך אין גשמיות. ולאידך גיסא, גיט מען ניט נאך די גזירה אין רוחניות, איז דאמאלסט שרייט פרעה אליין לכו לסבלותיכם. פרעה אליין איז מודה אין דעם לסבלותיכם, אז מען איז ניט משועבד צו איהם.

פרעה איז געווען א מלך בכפה על כל העולם און ער האט געהאט זעהר גרויסע כחות, ביז אז אפילו משה רבנו האט מורא געהאט פאר איהם, ביז השי"ת האט געזאגט, בא אל פרעה, און שבט לוי האט זיך אויך געפונען אונטער פרעה בארץ מצרים גופא, וואס קיינער האט פון דארט ניט געקענט אנטלויפען, נאר וזיבאלד אז זיי האבען איהם ניט נאכגיגעבען אין רוחניות, האט אויף זיי פרעה קיין דיעה ניט געהאט.

די סיפורי התורה זיינען א הוראה בעבודת האדם.

דער רמב"ם זאגט, כל מי שנדבה לבו לשרת את הוי', איז ער ווי דער שבט לוי, ער האט טאקי ניט קיין חלק ונחלה בארץ, אבער הוי' הוא נחלתו, און ער האט עס ניט נאר ברוחניות נאר אויך בגשמיות.

דארפען אלע איבען ווייסען, אז זיי זיינען ווי שבט לוי. $$$$$$$

בשעת עס קומט א מנגד וואס איז מבלבל צו עבודת השם, זאל מען ניט מיינען, אז דורכדעם וואס מען וועט א ביסעל נאכגעבען, וועט ער אויפהערען מבלבל זיין. פונקט פארקערט. וועט מען איהם עפעס נאכגעבען, וועט ער אנהויבען מבלבל זיין $$$$$$$ נאך שטארקער. און ניט נאר אין רוחניות, נאר אויך אין גשמיות. גיט מען עפעס נאך די גזירות אין רוחניות, וימררו את חייהם, שטעהט באלד דערנאך, בעבודה קשה בחומר ובלבנים וגו'.

לאידך גיסא, אז מען גיט גאר ניט נאך די קליפה המבלבלת, נאר תומיך ואוריך לאיש חסידיך, אוריך לימוד התורה און תומיך – קיום המצוות, דאמאלסט וועט מען פטור פון דעם שיעבוד הגלות, אז די קליפה האט קיין דיעה ניט נאר אין רוחניות נאר אויך אין גשמיות.

[illegible]

שטעהט כתית למאור, דישראל נמשלו לזית, מה הזית הזה כשמכתשין אותו מוציא שמנו, כך ישראל וכו'.

# הגהות על השיחות במדור "מהני מילי מעלייתא" ב"קובץ ליובאוויטש" גליון 14

י"ל לקראת י"ב-י"ג תמוז ה'תשט"ז*

שיחות אלו ברובם נדפסו אח"כ בהוספות ללקו"ש ח"ב

**עמוד 6**

*תקיפות בקדושה*

אין ד~~י~~**ער** היינטיגע**ר** סדרה . .

. . עבודת פרך**.** ~~וכו'~~ . .

. . ~~ובפרט~~ **ובכלל** אויף מוסר נפש זיינען זיך ~~אויף דעם,~~ איז דאך דא א ~~גאנצע~~ חקירה, צי זיי זיינען געווען מחוייב אין מסירת נפש, ווארום ס'איז דאך דא ~~גאר~~ א סברא, אז זיי האבען גאהאט א דין פון ~~א~~ ב~~ן~~**ני** נח שאינ~~ו~~**ם** מחוייב**ים** במס"נ, היינט ווי קומט עס, אז צוליעב דעם וואס זיי האבען זיך ניט מוסר נפש געווען ~~אויף ענינים וואס זיי זיינען גאר ניט מחוייב,~~ זאל דערפאר זיין דער שיעבוד מצריים? . .

. . אז ~~בשעת~~ **~~לפעמים~~ ווען** עס זאנדעלט זיך וועגען ~~א ענין פון~~ רוחניות, ~~פאלט דארט אפ אלע חשבונות. עס איז~~ **איז לפעמים** ניט נוגע צי מען ~~דארף~~ **איז קלאר מחויב ע"פ דין** זיך מוסר נפש זיין אדער ניט . .

. . צי דאס איז **נאר א** הנהגה וואס דער רבי האט איינגעפירט, אדער א פריהערדיגער רבי. **על דרך ווי במצרים האט שבט לוי אנגענומען לימוד התורה ווי אברהם* וכו' האט עס איינגעפירט, ביז צו מסנ"פ**. . .

* אויב עס האנדעלט זיך ~~נאר~~ וועגען רוחניות . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . שפאַרט א**ר**ויס די גזירה אויך אין גשמיות . .

. . ביז אז אפילו משה רבנו האט מורא געהאט פאר ~~איה~~**ד**עם, ביז השי"ת האט **עם** געזאגט, בא אל פרעה** . .

. . בשעת ~~עס~~ **אַז** עס קומט א מנגד ~~(א קליפה)~~ וואס איז מבלבל צו עבודת השם . .

. . הגם אז מצד דעם חושך הגלות פאדערט זיך צו פארבייגעהן כמה ענינים **וכמו מצות התלויות בבית המקדש** . .

---

*** ראה חזקוני שמות ה, ד.**

**** ראה זהר ח"ב לד, א.**

* המתפרסם כאן הוא רק עמודים 6-30, שאר העמודים נתפרסמו כבר בעבר.

דער גלות דוקא איז א הכנה למתן תורה.* אזוי איז געווען בגלות מצרים און אזוי־דער גלות, נאר קאמאלסט, אחרי גלות מצרים, איז נתגלה געווארען גליא שבתורה, און איצטער וועט מען צוקומען צום מאור אליין, צום מאור שבתורה, ~~דאס פילנט~~ כתית־למאור. וואס דאס האט מען דורך פנימיות התורה.

און בשעה אז מען גיט גאר ניט נאך, איז הגם אז מען געפינט זיך נאך טאקע דערווייל אין גלות, ניט אין ארץ ישראל, ווייל אזוי אילו מצד הכוונה העליונה, איז אבער פאראן דער ואכלו את טוב הארץ, מען האט נאר דעם ענין הגלות, וואס מען איז ניט אין ארץ ישראל, עס איז אבער ניטא דער ענין השיעבוד.

דער נקודת הענין איז:

בשעת עס איז דא א דבר המבלבל צו רוחניות. א ~~געווירסט~~ גזירה רח"ל, איז פאראן אין דעם צוויי דרכים:

איין דרך איז, אז מען זאל א ביסעל נאכגעבען דעם מנגד, דורכדעם וועט זיך יענער אפטשעפען.

דער צווייטער דרך איז. ניט נאכגעבען אויף קיין האר.

זעהט מען פון די היינטיגע סדרה, אז בשעת מען געהט מיט דעם וועג פון נאכגעבען, קריכט מען אריין אלץ ווייטער און ווייטער, און מען הויבט אן מבלבל זיין צו נאך ענינים. נאך מערער־דורכדעם ווערט א שיעבוד אויך אין גשמיות.

לאידך גיסא, אז מען געהט מיט דעם צווייטען וועג, אויף גארנישט נאכגעבען, הערט מען פסור פון דעם גאנצען ענין, און מען איז מצליח ניט נאר אין רוחניות נאר אויך אין גשמיות.

(משיחת ש"ק מבה"ח שבט תשט"ז)

**עמוד 7**

* אזוי איז געווען בגלות מצרים . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . און אזוי **-** דער גלות, נאר דאמאלסט**,** אחרי גלות מצרים**,** איז נתגלה געווארן גליא שבתורה . .

. . צום מאור שבתורה, ~~וואס דאס מיינט~~ כתית **-** <u>למאור</u> . .

. . הגם אז מען געפינט זיך נאך טאקע דערוויילע אין גלות . .

. . ווייל אזוי ~~דארף זיין~~ **איז** מצד הכוונה העליונה, איז אבער פאראן דער ואכלו את ~~טוב~~ **חלב** הארץ . .

. . ~~עפעס~~ א ~~געווייסע~~ גזירה רח"ל, איז פאראן אין דעם צוויי דרכים:. ..

. . זעהט מען פון ד**יער** היינטיגע**ר** סדרה . .

. . א**זון** מען הויבט אן מבלבל זיין צו נאך ענינים. נאך מערער~~, אז~~ **-** דורכדעם ווערט א שיעבוד אויך אין גשמיות . .

8 - דינ נושא של נשיא ישראל

עס שטעהט אין דער נבואה פון זכרי' הנביא, ראיתי והנה מנורת זהב כולה, וואס דאס געהט אויף כנסת ישראל. אלע אידען צוזאמען זיינען א מנורת זהב כולה.

אין דער מנורה איז געווען זיבען נרות. אזוי איז אויך ביי אידען פאראן פערשידענע דרכים ווי עס ווערט מבואר אין חסידות באריכות; עס איז דא אזעלכע וואס זייער דרך איז בקו החסד, עס איז דא אזעלכע וואס זייער דרך איז בקו הגבורה וכו' ביז עס רעכענט זיך אויס זיבען דרכים, וואס דאס זיינען די זיבען נרות.

הצד השוה שבהם - אז זיי זיינען אלע נרות, אלע מאכען ליכטיק אין ביהמ"ק און מען באנוגענט זיך ניט דער מיט, וואס מען מאכט ליכטיג איינבאר ביהמ"ק, נאר פון ביהמ"ק געהט די ליכטיגקייט איבער די גאנצע וועלט. דערפאר איז אין ביהמ"ק געווען חלונות שקופים אטומים. ניט ווי אין אלע הייזער, וואו די חלונות זיינען געמאכט געווארען צוליעב דעם אז די ליכטיגקייט זאל אריינגעהן פון גאס אין הויז, נאר פארקערט, אז פון ביהמ"ק איז גיגאנגען ליכטיגקייט אויף די גאנצע וועלט, וואס דאס איז די כוונה פון בית המקדש.

ווער האט אויפגעמאן די ליכטיגקייט - די נרות, וואס דאס זיינען נשמות ישראל. והגם עס זיינען דא פערשידענע סוגים, יעדער איד דארף דינען דעם אויבערשטען מיט זיינע כשרונות, אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני. ער מיט די כשרונות וואס ער פאטמאגט האט מען איהם באשאפען צוליעב דינען דעם אויבערשטען מיט די כשרונות, אבער הצד השוה שבהם, אז זיי זיינען אלע נרות, זיי מאכען אלע ליכטיק.

דער חילוק איז נאר אין דעם צוגאנג צו די עבודה. ביי דא איז די עבודה בקו החסד, מתאים צו זייערע כשרונות וחושים, און ביי די איז די עבודה בקו הגבורה, אין עניני הומרות און אין א לבוש פון דינים, מתאים צו זייערע חושים. דאס איז אבער מער ניט ווי דער וועג איז ביי זיי בקו הגבורות, אבער דער ציל [illegible] פון דער ארבעט איז דערזעלבער, - מאכען ליכטיק, הגם דער תכלית איז אומעטום דערזעלבער, פונדעסטוועגען איז אבער א גרויסער חילוק אויב דער דרך איז בקו הגבורות, אדער דער דרך איז לכתחלה בקו החסדים, וואס דאמאלסט דארף מען זיך ניט גריבלען און מען זעהט באלד דעם תכלית וואס אין דעם, ווייל אויך בגילוי איז דאס דער וועג פון ואהבת לרעך כמוך.

און דאס איז געווען דער וועג פון אהרן כהן גדול וואס האט אנגעצונדען די מנורה. אהרן איז געווען אוהב את הבריות ומקרבן לתורה. אפילו בריות וואס זיי האבען אין זיך ניט קיין [illegible] שום מעלה, עס איז בלויז חסרונות, די איינציגע זאך וואס זיי האבען איז דאס וואס דער אויבערשטער האט זיי באשאפען, כפירוש אדמו"ר הזקן נ"ע, אויך אין זיי האט אהרן ממשיך געווען אהבה.

און דאס איז געווען ניט נאר זיין ציל, נאר אויך דער וועג צום ציל. דאס הייסט, אז אויך בגילוי איז געווען דער דרך אוהב את הבריות ומקרבן לתורה, מאכען פון זיי תורה אידען.

און אזוי איז אויך געווען דער וועג פון די רביים נשיאים, ביז כ"ק מו"ח אדמו"ר בעל ההילולא ועד בכלל, וואס זייער ארבעט איז געווען אנצינדען די נרות. ביי יעדען אידען איז פאראן דער נר הוי' נשמה אדם, נאר ס'זיינען דא אזעלכע וואס ווארטען ביז מען וועט עס ביי זיי אנצינדען. און דאס איז די ארבעט פון די נשיאי ישראל, אנצוצינדען דעם נר הוי' נשמת אדם - וואס איז פאראן ביי יעדען אידען, און אין דעם איז פאראן זיבען סוגים.

דער אופן ווי ס'איז געווען ביי די נשיאי חב"ד בכלל און ביי כ"ק מו"ח אדמו"ר בעל ההילולא בפרט, אז די אהבה איז געווען בגילוי, [illegible] איז געווען [illegible], נאר אויך דער וועג [illegible] איז געווען אין א [illegible] פון [illegible], בדרכי [illegible] ובדרכי נועם האט ער אנגעצונדען די נר הוי' [illegible] אין אלע סוגים פון אידען.

יעדער ענין איז דאך בהשגחה פרטית. דערפאר זעהט מען אז אין די ימי ההילולא פון צדיקים איז פאראן צוויי סוגים: פאראן הילולא'ס וועלכע זיינען איינגעשטעלט געווארען אז מען פראוועט זיי אין אנגעשטרענגטען מרירות'דיגען אופן, און פאראן הילולא'ס וואס מען פראוועט זיי אין א פרייליכען אופן, וואס דאס איז מתאים לפי אופן עבודתם של הצדיקים.

די הילולא פון רבין כ"ק מו"ח אדמו"ר איז איינגעשטעלט געווארען בהשגחה"פ אז דאס איז מתאים לפי אופן עבודתו. [illegible] עצבות איז דאך בכלל ניט שייך, נאר מען רעדט אפילו וועגען מרירות. דער אופן ווי ס'איז איינגעשטעלט גע-

**עמוד 8**

*<u>דרכי נועם של נשיא ישראל</u>*

. . ווי עס ווערט מבואר אין חסידות באריכות: ~~אז~~ . .

. .וואס דאס זיינען די זיבען נרות*) ..

. . ~~אבער~~ הצד השוה שבהם - אז זיי זיינען אלע נרות . .

* ניט ווי אין אלע הייזער . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

* וואס דאס איז די כוונה פון בית המקדש . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . ווער האט ~~אבער~~ אויפגעטאן די ליכטיגקייט . .

* **ו**הגם עס זיינען דא פערשידענע סוגים, ~~וואס~~ יעדער איד דארף דינען דעם אויבערשטען מיט <u>זיינע</u> כשרונות, ~~ו~~אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני . .

. . דינען דעם אויבערשטען מיט <u>די</u> כשרונות . .

. . אין עניני~~ם~~ חומרי~~ם~~**ות** און אין א לבוש פון דינים . .

. . א גרויסער חילוק ~~אויב~~ **צי** דער דרך איז בקו הגבורות . .

. . כפירוש אדמו"ר הזקן נ"ע **(תניא פל"ב)** . .

. . און דאס איז געווען ניט נאר זיין <u>ציל</u>, נאר אויך <u>דער וועג</u> צום ציל. דאס הייסט, אז אויך בגילוי - איז דער דרך געווען *[תחילה נכתב "געווען דער דרך", ותיקן כנ"ל]* ~~פון~~ אוהב את הבריות ~~צוליב דעם~~ **און דורך דעם** ומקרבן לתורה, ~~אויף~~ מאכען פון זיי תורה אידען . .

* ביי יעדען אידען . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . נאר ס'זיינען דא אזעלכע וואס ווארטען . . *[סימן לשים רווח בין התיבות "אזעלכע" ו"וואס"]*

*<u>יום ההילולא – בשמחה</u>*

. . צדיקים איז פאראן צוויי סוגים: פאראן ~~אזעלכע~~ הילולא'ס . .

. . אז מען פראַוועט זיי . .

. . און פאראן ~~אזעלכע~~ הילולא'ס וואס מען פראַוועט זיי . .

* וואס דאס איז מתאים . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . נאר מען רעדט אפילו וועגען **שלילת ה**מרירות.

* דער אופן ווי ס'איז איינגעשטעלט . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

ב

וווארען די הילולא פון רבין איז – בשמחה.

אזוי אויך ~~אבער דאס~~ בנוגע זיין אהל.

די וועלכע זיינען געווען אויף $$ אהלים פון צדיקים ווייסען, אז עס זיינען דא אהלים וואס פועלן א קו פון מרירות וכיווץ, און פאראן אהלים וואס פועלן א קו פון שמחה ועלי', דעם רבינ'ס אהל איז פון דעם סוג; קומענדיג אויפן אהל, נאך איידער מען איז זיך מתבונן, פועל'ט עס אן עלי' והגבהת הרוח, וואס איז $$ שייך צו שמחה.

ווייל עבודתו שעבד בה כל ימי חייו איז אויך געווען באופן כזה. ~~וועג פון קירוב ונועם, אויף~~ מקרב זיין און אויפהויבען אלע אידען, אפילו די בריות, מיט א וועג פון קירוב ונועם, מיט די כוונה צו פועלן דעם ומקרבן לתורה, פועלן ביי זיי דעם לחזות בנועם השם און מגלה זיין זייער חלק אין תורה און זייער חלק אין מצוות.

יום ההילולא איז דאך א יום העלי' פאר די נשמה, ובמילא אויך אן עלי' לההולכים בדרכיו, אן עלי' בדרך מקיף על כל פנים, איז די עלי' אויך אין אופן פון קירוב ושמחה, וואס שמחה איז פורץ גדר, אלע גדרים שבחוץ ומכ"ש די גדרים שמבפנים, אז מען זאל מעלה זיין $$ בקודש, הן די ענינים שבין אדם למקום און הן די ענינים שבין אדם לחבירו.

וואס דורך דעם גופא איז מען גורם א נחת רוח נוספת צו די נשמה פון בעל ההילולא, ובמילא פועלט מען דורכדעם א התעוררות ביי דעם בעל ההילולא אז ער איז עומד ומשמש במרום ומעורר רחמים רבים אויף די וואס זיינען מקושר און שייך צו איהם, און דורך זיי אויף כלל ישראל, להשפיע רוב טוב בגשמיות וברוחניות $$$$$$$$$$$$$$$$$, ניט נאר בחסד וברחמים, נאר אויך מתוך שמחה.

ושננתם לבניך

אין די התוועדות פון י"ג תמוז תרצ"ב האט דער רבי בעל ההילולא גערעדט וועגען דעם אלטען רבין, כ"ק אדמו"ר הזקן, אז זיין הנהגה דא למטה איז געווען אזוי ווי די הנהגה למעלה ביי דעם אדם העליון, און ניט אז ער האט דאס געדארפט נאכטאן, נאר דאס איז געווען ביי איהם בפשיטות ובדרך ממילא.

און דער רבי האט דאמאלסט דערציילט א מעשה:

בשעת דער אלטער רבי האט געדארפט האבען א מלמד פאר זיין זוהן, דער מיטעלער רבי, האט ער ארייגערופען א יונגערמאן און האט איהם געזאגט: (כידוע פלעגט דער אלטער רבי אלץ זאגען מיט א ניגון, און דער רבי, דער־ציילענדיג די מעשה, האט דאס אויך געזאגט בניגון הידוע) –

דו האסט א מצוה פון זן ומפרנס בני ביתו, איך האב א מצוה פון ושננתם לבניך, לאמיר זיך בייטען.

דער יונגערמאן איז ווייזט אויס געווען א קלוגער, האט ער פארשטאנען אז ער דארף פאר דעם האבען נאך עפעס, אויסער דעם זן ומפרנס, האט ער געזאגט צום אלטען רבין; מילא אז איהר דארפט מיר געבען איך זאל זיין א זן ומפרנס, ווייסט איהר וואס צו געבען, אבער אז איך דארף געבען דעם ושננתם, דארף איך וויסען ווי צו לערנען מיט אייער זוהן.

האט איהם דער אלטער רבי געענטפערט:

אנהויבען הויבט מען אן לערנען מיט א קינד אלף בית. וואס איז א אל"ף, א פינטעלע אויבען, א פינטעלע אונטען, דאס איז אן אלף. א יוד פון אויבען א יוד פון אונטען, א קו של יבאת שמים באמצע, דאס איז אן אלף.

און האט מבאר געווען, אז דער יוד שלמעלה, דאס איז די נשמה, דער יוד שלמטה דאס איז דער גוף און דורך דעם קו פון יר"ש $$$$$$ באמצע ווערען זיי נתחבר אז זיי ווערען איין זאך.

דער ענין פון אלף איז מבואר בכמה מקומות אין חסידות בארוכה. $$$ איינע פון די רמזים אין דעם איז, אז דער יוד שלמעלה געהט דאס אויף הקב"ה, וואס ער איז למעלה מכל מדידה והגבלה, במילא איז יעדע השגה וואס $$$$$$$$$$$$$$$$ מען קען האבען אין איהם, איז דאס ניט מער ווי א יוד, א נקודה בעלמא,

בכדי אז דער איד דא למטה, וואס איז מרומז אין דעם יוד שלמטה, זאל קענען נתחבר ווערען מיט דעם יוד שלמעלה, איז דאס דורך דעם העדר תפיסת מקום וביטול, וואס אויף דעם איז אויך מורה דער יוד שלמטה, און דאס ווערט דורך דעם קו המחבר פון יראת שמים, דער קיום התורה ומצוות, וואס דאס איז מחבר אידן מיט הקב"ה, כמאמר ישראל וקוב"ה כולא חד דורך אורייתא.

דאס איז אויך דער אלף פון מתן תורה, וואס דער ערשטער אות איז געווען א אלף. און דאס איז אויך די התחלת הלימוד מיט א אידישען קינד, וואס ער

**עמוד 9**

. . אזוי אויך - איז דאס בנוגע זיין א**ו**הל . .

. . די וועלכע זיינען געווען אויף א**ו**הלים פון צדיקים ווייסען, אז עס זיינען דא א**ו**הלים וועס פועלן א קו פון מרירות וכיווץ, און פאראן א**ו**הלים וואס פועלן א קו פון שמחה ועלי'. דער רבינ'ס א**ו**הל איז פון דעם סוג: ~~אז~~ קומענדיג אויפן א**ו**הל, נאך איידער מען איז זיך מתבונן, פועל'ט עס אן עלי' והגבהת הרוח, וואס **דאס** איז שייך צו שמחה . .

. . ווייל עבודתו שעבד בה כל ימי חייו איז אויך געווען באופן כזה. ~~א וועג פון קירוב ונועם, אויך~~

* מקרב זיין און אויפהויבען אלע אידען . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

* פועלן ביי זיי . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . ביום ההילולא איז דאך א יום העלי' פאר די נשמה . .

. . אלע גדרים שמבחוץ ומכ**של שכן** די גדרים שמבפנים,

* אז מען זאל מעלה זיין בקודש . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

*<u>ושננתם לבניך</u>*

* - (כידוע פלעגט דער אלטער רבי אלץ זאגען מיט א ניגון, און דער רבי, דערציילענדיג די מעשה, האט דאס אויך געזאגט בניגון הידוע) - *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

*האט ער געזאגט צום אלטען רבין: . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . האט איה**ם** דער אלטער רבי געענפערט . .

. . וואס איז א אל"ף? ..

* איינע פון די רמזים . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

* און דאס ווערט . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

* וואס ער . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

דארף דערנאך ארויסגעהן אין וועלט און מאכען אין וועלט א דירה לו ית; איז די התחלת הלימוד מיט איהם א אל"ף, וואס דאמאלסט איז ניט נאר וואס ער אליין וועט זיין גאנץ, נאר ער וועט מאכען אויך די וועלט פאר א כלי צו אלקות.

אזוי ווי בשעת מתן תורה, שנתהוה באלף שטעהט אז "היו שומעין את הדיבור אנכי הוי' אלקיך, מכל הרוחות, אזוי אויך בשעת [redacted] דער יסוד והתחלת הלימוד איז אל"ף האט מען דעם כח, אז אומעטום, מיט אלץ וואס ער האט צוטאהן, זאל זיך דארט הערען [redacted] אנכי הוי' אלקיך.

און ווי דער רבי האט געוואלט, אז מען זאל בעלייכטען אלע אידען, דורך דעם וועג פון אוהב את הבריות און מקרב זיין זיי לתורה. $$$$$$$

ניט ווי די שיטה אז מען דארף צו פאסען די תורה לפי רוח הזמן, נאר פארקערט, ומקרבן לתורה. מקרב זיין אויך די בריות, וואס האבען אין זיך ניט קיין מעלה, מקרב זיין זיי צו תורה אזוי ווי זי איז, אן קיינע פשרות [redacted] תורה מיט דברי סופרים און מיט חסידות לפנים משורת הדין.

און בשעת מען גיט יענעם די תורה תמימה, די תורה אן פשרות, איז דורך דעם [redacted] בחוקתי תלכו, האט ער אויך דעם ונתתי גשמיכם בעתם מיט די אלע ברכות, חיים מאושרים ניט נאר אויך עוה"ב נאר אויך אין עוה"ז.

נחשון בן עמינדב

צווישען די תקנות $$$$ פון רבין בעל ההילולא איז פאראן די תקנה, מען זאל יעדען טאג לערנען די פרשה חומש מיט רש"י פון די סדרה, וואס איז שייך צום דעם בעטרעפענדען טאג.

און האט דערביי געזאגט דעם ווארט פון אלטען רבין, אז מען בעדארף לעבען מיט די צייט, וואס דאס מיינט, אז פון דער פרשה וואס מען לערנט יעדען טאג, דארף מען ארויסנעמען הוראות וואס זיינען שייך צו דעם טאג.

אין דער פרשה פון שני ביז שלישי אין סדרה בשלח, וואס איז שייך צום היינטיגען טאג פון יום ההילולא, רעדט זיך ארום וועגען דעם מצמד ומצב $$$$$$$$ וואס איז געווען ביי אידען א ווייילע פאר קריעת ים סוף.

קריעת ים סוף איז געווען איינע פון די גרעסטע ניסים, כלשון רז"ל קשה כקריעת ים סוף, קרי"ס איז אויך א הכנה צו מתן תורה און אויך א הכנה צו די גאולה העתידה.

ווי אזוי איז מען געקומען צו קריעת ים סוף, דערציילט זיך אין די פרשה שלישי וואס מען לערנט אויף מארגען נאך די הילולא. [redacted] עס איז געווען א איד, נחשון בן עמינדב, וואס האט זיך מוסר נפש געווען און אריינגעשפרונגען אין ים, און דורכדעם האט ער פועל געווען די המשכה אין אלע אידען און אראפגעטראגען דעם נס פון קרי"ס דא למטה.

~~באמת איז~~ דאס וואס נחשון בן עמינדב איז אריינגעשפרונגען אין ים, איז בזמן ההוא איז דאס געווען א ענין וואס ס'איז ניט $$$$$$$$ געווען איינגאנצען אויסגעהאלטען. [redacted] עס איז דאך ידוע $$ די שיטה, אז די אידען פאר מתן תורה האבען געהאט א דין פון בני נח און ס'איז [redacted] א פלוגתא אין ראשונים ואחרונים, צי א ב"נ איז מחויב אויף מסירת נפש.

איז אויב מען נעמט אן אז ב"נ זיינען ניט מחויב במס"נ, טארען זיי זיך ניט מוסר נפש זיין, ווארום זיי זיינען דאך $$$$$ מצווה אויף שפיכות דמים כמ"ש ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש, במילא קומט דאך אז נחשון האט ניט געטארט מוסר נפש זיין זיך.

~~אבער~~ אפילו להשיטות וואס האלטען אז אידען פאר מ"ת האבען זיך גע-פירט ניט ווי ב"נ, איז דאס דוקא לחומרא אבער ניט לקולא. במילא האט מען ניט געטארט מוסר נפש זיין.

נאר נחשון האט געוואוסט אז וועז דער אויבערשטער האט ארויסגענומען די אידען פון מצרים האט ער געזאגט בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, אז פון מצרים דארף מען גיהן צום בארג סיני מקבל זיין די תורה. במילא איז אים ניט געווען נוגע וואס עס איז אין מיטען וועג. ער ווייסט אז מען דארף גיהן צום בארג סיני. אויב עס איז דא אין מיטען א ים, האט עס צו איהם קיין שייכות ניט, ער דארף שפרינגען אין ים און גיהן ווייטער ביז ער וועט קומען צו מתן תורה.

ווי עס דערציילט זיך אין די היינטיגע פרשה וואס איז שייך צום יום ההילולא, זיינען דאמאלסט ביי אידען געווען פיער כתות. איין כתה ~~האבען~~ געהאלטען אז ניתנה ראש ונשובה מצרימה. א צווייטע כתה ~~האבען~~ געהאלטען מען זאל מלחמה האלטען מיט די מצריים, א דריטע כתה האט געטענה'ט מען זאל ~~בלייבן~~ אין מדבר. מער ניט איין כתה האט געהאלטען אז מען מעג אדער מען

**עמוד 10**

* וואס דאמאלסט איז . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

* אזוי אויך בשעת ~~אז~~ דער יסוד והתחלת הלימוד . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . זאל זיך דארט הערען ~~דער~~ אנכי הוי' אלקיך . .

. . מקרב זיין זיי צו **דער** תורה אזוי ווי זי איז, אן קיינע פשרות, ~~נאר~~ תורה מיט דברי סופרים . .

. . איז דורך דעם ~~אם~~ <u>בחוקתי</u> תלכו, האט ער אויך דעם ונת~~י~~**תי** <u>גשמיכם</u> בעתם מיט די א**לע**~~יבעריקע~~ ברכות . .

<u>*נחשון בן עמינדב*</u>

. . ~~באמת איז~~ דאס וואס נחשון בן עמינדב . .

. . איז בזמן **ובמצב** ההוא . .

. . ~~ווארום~~ עס איז דאך ידוע די שיטה . .

. . און ס'איז ~~דא~~ א פלוגתא אין ראשונים ואחרונים . .

. . שפיכות דמים **אפילו של עצמו** . .

. . במילא קומט דאך **אויס** . .

. . ~~און~~ אפילו להשיטות . .

. . במילא האט מען **זיך** ניט געטארט מוסר נפש זיין . .

. . ווי עס דערציילט זיך **במדרש (פרקא דרבנו הקדוש)** אוי~~ן~~**ף** *[תחילה נכתב "אין", ותיקן "אויף"]* די היינטיגע פרשה . .

. . א דריטע כתה האט געטענ'ט מען זאל ~~גערן~~ **לויפן** אין מדבר . .

-ד-

דארף געהן אין ים.

איז דאך באמת מצד דעם חשבון פון אחרי רבים להטות האט דאך נחשון געקענט אפילו עפ"י שכל דקדושה צווייפלען אויב מען מעג געהן אין ים.

נאר נחשון האט ניט געוואלט ארייננעהן אין קיין שקלא וטריא. ער האט געוואוסט אז דער אויבערשטער האט געזאגט אז מען דארף געהן צום הר סיני מקבל זיין די תורה. האט נחשון געטענה'ט, אז צו דערגרייכען דעם ציל, איז ניט קיין וועג זיך אומצוקערען קיין מצרים, צו דעם איז אויך ניט קיין וועג מלחמה האלטען מיט מצרים אדער געהן אין מדבר. צו דעם איז דא מערניט ווי איין וועג און דאס איז – געהן אין ים. במילא דארף מען שפרינגען אין ים, וואס דורכדעם וועט מען מיט א טראט נענטער צום הר סיני.

* * *

דער מעמד ומצב פון אידן ביי קרי"ס איז א הוראה צו דער עבודה פון דעם רבין בעל ההילולא, וואס ער אליין האט געארבעט עבודתו הק' במסירת נפש און ער האט דאס אויך איבערגעגעבען להולכים בדרכיו.

באלד בתחלת נשיאות האט ער אנגיהויבען עבודתו בקודש מיט מסירת נפש. עס איז דאן געווען אין רוסלאנד די צייט ווען די יעווסעקעס האבען געבושעוועט און אנצונעמען דאמאלסט אויף זיך א נשיאות אויף מפיץ זיין תורה ומצוות ופנימיות התורה, איז דאס געווען א ענין פון היפך סדר המדינה, היפך הטבע און מען האט אויף דעם געדארפט האבען מסירת הנפש והגוף בפועל ממש.

און דעם מסירת נפש האט ער אויך געמאנט פון די וואס זיינען מיט איהם מיטגעגאנגען און מיטגעארבעט.

הגם אין שולחן ערוך געפינט מען ניט א דין אז מען זאל מאנען פון יענעם מס"נ. אויף אלע מצוות געפינט מען אז מען דארף מאנען בא יענעם. דאס געהט ארייין אין דער מצוה פון הוכח תוכיח את עמיתך. אבער אויף מס"נ – געפינט מען דאס ניט.

במה דברים אמורים, בשעת מען פיהלט ניט אז מען האט א שליחות מלמעלה. אבער בשעת אז שכינה מדברת מתוך גרונו חיין, אז א נביא זאגט א ענין אפילו וואס האלט ניט אויס עפ"י תורה, איז אויב דאס איז בדרך הוראת שעה, זאגט תורה אליין, אז מען דארף פאלגען דעם נביא.

דער רבי איין א מאמר דעם חילוק פון מס"נ פון ר' עקיבא'ן און דעם מס"נ פון אברהם אבינו. אז ר"ע האט געשטרעבט צו דעם און געזוכט דעם ענין פון מס"נ, ווי ער האט געזאגט מתי יבוא לידי ואקיימנה.

משא"כ בא אברהם אבינו איז מס"נ ניט געווען אן עבודה פאר זיך. זיין ענין איז געווען, ויקרא שם בשם הוי' א-ל עולם, אל תקרא ויקרא אלא ויקריא, ער האט געמאכט שרייען יענעם, אז אלע זאלען שרייען ניט א-ל העולם, אז אלקות מיט עולם זיינען צוויי זאכען, נאר א-ל עולם, אין עוד מלבדו.

דאס איז געווען אברהם אבינו'ס עבודה. ניט ער האט געזוכט מס"נ. נאר אויב עס האט זיך געפאדערט צו זיין עבודה מס"נ איז ער געווען גרייט אויף דעם. האט מען איהם ארייינגעווארפען אין א כבשן האש, איז דאס ניט געווען קיין מניעה, אבי דורכצופיהרען זיין עבודה פון ויקרא שם בשם הוי' א-ל עולם.

און עד"ז איז געווען די הנהגה בא דעם בעל ההילולא. ער האט זיך ניט געיאגט נאך מס"נ. ניט דאס איז געווען זיין ענין. ער האט זיך געיאגט נאך דעם ויקרא שם בשם הוי' א-ל עולם, מפיץ זיין תורה ומצוות מיט פנימיות התורה ומנהגי' והדרכותי'. דאס איז געווען זיין ענין און צוליעב דעם האט ער זיך ניט אבגעשטעלט פאר קיין זאך און געטאן זיין ארבעט ביז מס"נ ועד בכלל.

במילא איז ער ניט ארייינגיגאנגען אין חקירות און שקו"ט אויב מען דארף אין אזא פאל זיך מוסר נפש זיין אדער ניט. ווארום ער טוהט ניט אין דעם ענין פון מס"נ, ער טוהט אין הפצת ההחזקת היהדות און וועגען אנדערע זאכען קלערט ער ניט, קען זאך שטעלט איהם ניט אב פון זיין ארבעט.

**עמוד 11**

. . אפילו עפ"י שכל דקדושה **געקאנט** צווייפלען . .

*   *   *

. . איז ~~געווען~~ א הוראה **לדורות. ~~און~~ אזוי אויך** צו דער עבודה . .

. . אז מען זאל מאנען פון יענעם **זוכען** מס"נ . .

. . אבער אויף **זוכען** מס"נ **-** געפינט מען דאס ניט . .

. . **אנדערש איז** אבער בשעת ~~אז~~ **עס איז על דרך** שכינה מדברת מתוך גרונו ~~ע"ד ווי בא א נביא, איז דאך דא א דין, אז א נביא זאגט א ענין אפילו וואס האלט ניט אויס עפ"י תורה, איז אויב דאס איז בדרך הוראת שעה, זאגט תורה אליין, אז מען דארף פאלגען דעם נביא.~~ . .

. . אז אלקות מיט עולם זיינען **פארבונדען אבער פארט** צוויי זאכען, נאר א-ל עולם, ~~אז וועלט אליין איז אלקות, אז~~ **דאס איז איין זאך -** <u>אין עוד מלבדו</u> . .

. . אריינגעווארפען ~~דערפאר~~ אין א כבשן האש . .

. . אויב מען דארף **על פי דין** אין אזא פאל זיך מוסר נפש זיין . .

12 -ה-

און דערפאר ווערט ער אויך ניט נתפעל פון די פערשידענע כחות וואס זיינען פאראן בא אידען, ~~אז מען דארף זיך פירען עפ"י שכל און נאך וואס דאס מען~~ ~~אויפטען צו לפעולה מן הכח~~.איהם איז נים נוגע די אלע טענות. ער ווייס מער ניט ווי איין זאך ,אז מען דארף געהן אלץ נעהנסער צום $$$ הר סיני, איי ס'איז אינמיטען דא א ים, שפרינגט ער אין ים, איי וואס וועט זיין שפעטער, איז דאס דעם אויבערשטענס געשעפט, איהם איז דאס ניט נוגע, ער דארף זיך מאן זיינס, געהן אלץ נעהענטער צום הר סיני.

און דאס איז די הוראה, וואס דער בעל הילולא האט אונז איבערגיגעבען, צו די אלע וואס דארפען צוגרייטען די גאולה העתידה:

אונזער ארבעט איז צו מקיים זיין דעם אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני. אונזער ארבעט איז דער אוהב את הבריות ומקרבן לתורה.*דאס איז אונזער עבין און מער איז אונז גארנים נוגע.

דאס וואס ס'איז דא פארשידענע כחות מים ~~פארשידענע טענות~~. דער שריים ניתנה ראש ונשובה מצרימה, דער שריים ,מען דארף מלחמה האלטען ~~רבאו~~-איז ~~אונז~~ דאס איז נים דער וועג צו ווערען נעהענטער צו קבלת התורה, איז דאס ~~אונז~~ נים ~~נוגע~~.*אונזער ענין איז געהן צו קבלת התורה, עס איז דאך נותן התורה לשון הוה. און דאס וועלען מיר טאן אהן חשבונות. איז פאראן אין מיטן א ים, וועט מען געהן אין ים, איז פאראן אין מיטן א בארג,וועט מען דורכשפארען דעם בארג. מיר געהן צו קבלת התורה אויף פאראאיניגען זיך מיטן אויבערשטען.

און אז מען געהט לקבל את התורה אהן חשבונות, ~~דעמאלט אלע חשבונות איינען בטלו~~ ברחמנא, איז דאמאלסט, ה' ילחם לכם ואתם תחרישון.

און אזוי ווי עס שטעהט $$ אויף נחשון'ען אז ער האט זוכה געווען צו זיין דער ערשטער בהקרבת הנשיאים און מחנך זיין דעם משכן, אז עס זאל זיין דער ושכנתי בתוכם, אזוי דארף אויך יעדער איד זיך באטראכטען אלס א נחשון, און דאמאלסט איז, ווי ער זאגט אין תיקוני זהר, אז בעת עס וועט זיך געפינען איין איד כדבעי- דארטען שטעהט דער לשון צדיק, און ס'איז דאך ועמך כולם צדיקים- וועט ער ברייגגען משיח'ן, און מען וועט מקבל זיין די פנימיות התורה וואס משיח וועט מגלה זיין.

און דורכדעם וועט מען צוקומען צו אז ישיר, מכאן רמז לתחית המתים מן התורה, אז עס וועט זיין הקיצו ורננו שוכני עפר והוא בתוכם, אז דער רבי דער בעל ההילולא וועט אונז פיהרען אנטקעגען משיח'ן בחסד וברחמים.

(משיחת יוד שבט תשט"ז)

פרעה ועמלק

על פי זה וועט מען אויך פארשטעהן דעם חילוק צווישען די מלחמה מיט פרעה'ן און די מלחמה מיט עמלק'ן, וואס עס רעדט זיך אין היינטיגע סדרה.

ווען פרעה מלך מצרים האט מלחמה געהאלטען מיט די אידען, האט נחשון בן עמינדב געהאלטען אז מען דארף בעסער שפרינגען אין ים און נים מלחמה האלטען מיט פרעה.

אבער בשעת עס איז געווען נאך א ענין וואס האט מעכב געווען צו מתן תורה, דאס איז די מלחמת עמלק, דאמאלסט איז געווען דער סדר, אז מען דארף דוקא יע מלחמה האלטען מיט עמלק'ן, א מלחמה כפשוטו, א מלחמה בגשמיות.

$$$ די נפקא מינא פון די צוויי מלחמות איז:

פרעה איז געווען מאחורי בני ישראל. ער איז ניט געשטאנען צווישען די אידען און דעם בארג סיני, נאר ער איז געשטאנען צווישען די אידען מיט דעם הדגה אשר נאכל במצרים, מיט דעם ~~טוב ארץ מצרים תאכלו~~. פרעה האט געשריען אז ער וועט נים צולאזען צו טוב ארץ מצרים,סיידען אז מען וועט ווערען א עבד של פרעה, אבער צווישען אידען און מתן תורה איז ער ניט געשטאנען. דערפאר איז דארטען געווען דער סדר פון ה' ילחם לכם ואתם תחרישון.

מה שאין כן עמלק איז געשטאנען צווישען די אידען מיט דעם בארג סיני און דא האט זיך ניט געהאנדעלט וועגען א ארץ טובה ורחבה נאר וועגען א מדבר ווי די רז"ל זאגען אין ~~שבא בחבא~~ אז די תורה איז געגעבען געווארען אין א מדבר, און עמלק איז געשטאנען אין מיטען און נים געלאזען די אידען געהן אין מדבר און מקבל זיין די תורה.

בשעת אידען זיינען געשטאנען אין דער גרעסטער התלהבות, אזא התלהבות וואס האט אפילו געפועל'ט אויף די אומות העולם, ווי עס שטעהט דער משל אין מדרש תנחומא פון אמבטיא רותחת,אז אלע האבען געזעהען אז דאס איז א פלאם פייער, דאמאלסט איז געקומען עמלק אפקיהלען פון די התלהבות און נים לאזען די אידען געהן מקבל זיין די תורה.

**עמוד 12**

. . ~~אז מען דארף זיך פירען עפ"י טבע און נאך וואס דארף מען אנקומען צו למעלה מן הטבע~~ . .

. .צו די אלע וואס דארפען צוגרייטען **זיך און** די גאולה העתידה: ..

. . ~~ו~~אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני . .

* דאס איז אונזער ענין . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . פארשידענע כתות מיט ~~פארשידענע טענות~~ **סברות שונות און אויך משונות** . .

. . דער שרייט מען דארף מלחמה האלטען ~~וכו׳~~ **דער שרייט אנטלויפען אין מדבר -** איז ~~אויב~~ **וויבאלד** דאס איז ניט זיין וועג צו ווערען נעהענטער צו קבלת התורה, איז דאס ~~אונז~~ ניט ~~נוגע~~ **אונזער וועג.**

*אונזער ענין איז געהן צו קבלת התורה, . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . איז פאראן אין מיטן א ים **- מהיכי תיתי**, וועט מען געהן אין ים . .

. . ~~ווארום אלע חשבונות זיינען כבשא~~ דרחמנא . . *[סימן בעיגול להשמיט את תיבת "דרחמנא"]*

*און דאמאלסט איז, . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

*<u>פרעה ועמלק</u>*

. . **אויך** א מלחמה כפשוטו . .

. . מיט דעם ~~טוב ארץ מצרים תאכלו~~ **אכלו את חלב הארץ** . .

. . ווי די רז"ל זאגען אין ~~בבא בתרא~~ **מדרש תנחומא** אז די תורה איז געגעבען געווארען **דוקא** אין א מדבר . .

-1-

בשעת עס איז דא א מונע ומעכב צו קבלת התורה, איז הגם הקול קול יעקב והידים ידי עשיו, איז הידים שייך צו עשו'ן, דאס איז בחלקו של עשו ווי עס שטעהט ועל חרבך תחי', אבער וויבאלד עס איז א מונע צו קבלת התורה, רעכענט מען זיך ניט מיט קיינע חשבונות און מען געהט אויף אלע דרכים און אלע אופנים, אבי מקבל צו זיין די תורה און פאראייניגען זיך מיט איהר.

די מלחמה מיט עמלק'ן [redacted] ניט געשטאמט פון כחות בישראל. דאס האט געשטאמט פון משה נשיא ישראל. די התחלת המלחמה האט זיך אנגיהויבען מיט תפלת משה, און בשעת מען געהט אויף מלחמה מצד תורה, דאמאלסט איז ניט קוקענדיג וואס עפ"י טבע האט עמלק געדארפט מנצח זיין, ווי ער זאגט אין ירושלמי אז עמלק כשפן הי', און ער האט אויסגעקליבען אזעלכע מענטשען וואס דארפען לעבען דעם יאהר, און זיי האט ער געשיקט אין מלחמה, אבער וויבאלד מען געהט אויף מלחמה בכח התורה, דאמאלסט איז מען מנצח.

און דערפאר שטעהט דער לשון בחר לנו אנשים, ~~זאגט דער מדרש - און~~ איז מבואר אין חסידות - אנשי משה. יעדער איינער וועלכער איז געגאנגען במלחמת עמלק האט ער געוואוסט אז ער געהט ניט בכחו ועוצם ידו, נאר ער געהט בשליחותו של משה, וואס משה דארף איהם געבען די תורה און דערפאר שיקט איהם משה מלחמה האלטען מיט דעם וועלכער איז מונע לקבלת התורה, ~~און דערפאר געהט ער בחרבו של עשו מלחמה האלטען מיט בן בנו של עשו.~~

און דאס איז דער טעם, וואס מען האט לוחם געווען מיט עמלק'ן בגשמיות, ~~ווייל~~ עס איז ניט געווען קיין ענין פון כחי ועוצם ידי, נאר ס'איז געווען א ענין פון מלחמה לה', דאין השם שלם ואין הכסא שלם עד שימחה זרעו של עמלק.

די הוראה פון דעם בימינו אלה איז:

בשעת עס האנדעלט זיך פון הדגה אשר נאכל במצרים, איז דאן דער סדר ה' ילחם לכם ואתם תחרישון.

אבער בשעת מען קומט אפקילען פון התלהבות אין אלקות און מען טענה'ט, וואס געהסטו אין א מדבר מקבל זיין די תורה, געה בעסער אין א ארץ נושבת, טוב ארץ מצרים תאכלו. דארטען דארף ער ווערען מאנשי של משה און דארף זיי זאגען, איך געה בכחו של משה, וואס ער האט מיר געגעבען די תורה, און אין תורה שטעהט אז מען דארף מאכען א דירה לו ית' בתחתונים, ניט נאר אין שוהל און ישיבה נאר אויך אין גאס און זייענדיג אין עסק דארפמען דארטען מאכען כלים צו אלקות. און בכחו של משה וועל איך לוחם זיין א מלחמה לה' און וועט ניט נתפעל וואס עפ"י טבע דארף יענער מנח זיין, ווייל מצד כחו של משה איז ויחלוש את עמלק לפי חרב

אויפן פסוק וישמע יתרו, זאגען רז"ל מה שמע מלחמת עמלק שמע, דאס האט אויך דערלאנגט אין מדין, און יתרו האט געזאגט עתה ידעתי, זאגט ער אין זהר אז דאס איז געווען א הכנה צו מתן תורה.

אזוי אויך איצטער אז מען [redacted] געהט בכחו של משה, וועט דאס פועל'ן אומעטום אפילו אין מדין, און דורכדעם וועט זיין א הכנה צו מתן תורה דפנימיות התורה, וואס עס וועט מגלה זיין משיח צדקנו בב"א.

(משיחת יוד שבט תשט"ז)

מען טענה'ט צו איהם, תורה איז געגעבען געווארען אין א מדבר, איז וואס האט עס צוטאן אין א ארץ נושבת, יונייטעד סטייטס וכדומה. מען טייטעלט אויף איהם מיט די פינגער ~~און זאגען~~ אז ער איז אינו מן הישוב, ער איז א ווילדער מענטש פון מדבר.

אויפן פסוק תפלה לעני כי יעטוף ולפני הוי' ישפוך שיחו, זאגט דער בעש"ט א משל פון א מלך וואס האט אויסגערופען אז אלע זאלען קומען צו איהם בעהטען וועט ער זיי געבען ~~פון דעם וואס עס געפינט זיך בארמון המלך~~. האט יעדער איינער געבעהטען לפי עניננו. איז דארט געווען אויך א עני, האט ער געבעהטען, אז ער וויל אריינגעהן צום מלך דריי מאל א טאג ~~בעהטען~~ איהם ~~וואס ער וויל~~ און דאס איז דער פירוש פון תפלה לעני כי יעטוף, וואס איז דעם עני'ס בקשה, ולפני הוי' ישפוך שיחו.

און דער בעש"ט איז מסיים, אז הערענדיג די בקשה פון עני, האט דער מלך געזאגט, אז וויבאלד ער בעט קיין זאך נאט, נאר ער זאל קענען אריינגעהן צו מיר ~~בעהטען~~ דריי מאהל א טאג, דערפאר וועל איך איהם געבען אויך די ענינים, וואס אלע האבען געבעהטען, וואס געפינען זיך בארמון המלך.

**עמוד 13**

. . והידים איז שייך צו עשו'ן . .

. . אבער וויבאלד עס איז א מונע צו קבל**ת** התורה . .

* **און דערפאר האט אויך** די מלחמה מיט עמלק'ן ~~האט~~ ניט געשטאַמט פון כתות שבישראל . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . דאס האט געשטאַמט **-** פון משה ~~נשיא ישראל~~ **און דער וואס ~~האט~~ דערנאך קיבל תורה מסיני.** די התחלת המלחמה האט זיך אנגיהויבען **מיט דער** ~~בתפלתוה של~~ **פון** משה, **~~און~~ האט זיך געפירט דורך אנשי משה, און דער נצחון איז געקומען - דורך יהושע משרת משה.** . .

. . און בשעת מען געהט אויף מלחמה ~~מצד~~ **צוליב** תורה . .

. . ווי ער זאגט אין ירושלמי **(ר"ה ספ"ג)** . .

. . אזעלכע מענטשען וואס דארפען לעבען ~~דעם יאהר~~ . .

. . און דערפאר שטעהט דער לשון בחר לנו אנשים, ~~זאגט דער מדרש - און עס~~ איז מבואר אין חסידות* - אנשי משה . .

. . ~~און דערפאר געהט ער בחרבו של עשו מלחמה האלטען מיט בן בנו של עשו~~ . .

. . ~~ווייל~~ עס איז ניט געווען . .

. . ~~די הוראה פון דעם בימינו אלה איז:~~

~~בשעת עס האנדעלט זיך וועגען הדגה אשר נאכל במצרים, איז דאן דער סדר ה' ילחם לכם ואתם תחרישון.~~

~~אבער בשעת מען קומט אפקיהלען פון התלהבות אין אלקות און מען טענה'ט, וואז געהסטו אין א מדבר מקבל זיין די תורה, געה בעסער אין א ארץ נושבת, טוב ארץ מצרים תאכלו. מען טענה'ט צו איהם, תורה איז געגעבען געווארען אין א מדבר, איז וואס האט עס צוטאן אין א ארץ נושבת, יונייטעד סטייטס וכדומה. מען טייטעלט אויף איהם מיט די פינגער און זאגען אז ער איז אינו מן הישוב, ער איז א ווילדער מענטש פון דער מדבר. דארטען דארף ער ווערען מאנשי של משה און דארף זיי זאגען, איך געה בכחו של משה, וואס ער האטמיר גיגעבען די תורה, און אין תורה שטעהט אז מען דארף מאכען א דירה לו ית' בתחתונים, ניט נאר אין שוהל און ישיבה נאר אויך אין גאס און זייענדיג אין עסק דארפמען דארטען מאכען כלים צו אלקות. און בכחו של משה וועל איך לוחם זיין א מלחמה לה' און ווער ניט נתפעל עפ"י טבע דארף יענער מנצח זיין, ווייל מצד כחו של משה איז ויחלוש את עמלק לפי חרב~~ . .

אויפן פסוק וישמע יתרו, זאגען ~~די~~ רז"ל מה **שמועה** שמה מלחמת עמלק שמע, ~~אז~~ דאס האט אויך דעלאנגט אין מדין, און **אז** יתרו האט געזאגט . .

. . אזוי אויך איצטער אז מען ~~וועט~~ געהט בכחו של משה, וועט דאס פועלין אומעטום אפילו אין מדין, און דורכדעם וועט זיין א הכנה צו מתן תורה דפנימיות התורה, וואס עס וועט מגלה זיין משיח צדקנו בב"א.

*תפלה לעני*

. . זאגט דער בעש"ט**) א משל . .

. . **-** וועט ער זיי געבען ~~פון דעם וואס עס געפינט זיך בארמון המלך~~ . .

. . אז ער וויל אריינגעהן צום מלך דריי מאל א טאג ~~בעהטען~~ **רעדען מיט** איהם ~~וואס ער וויל~~ . .

. . **אז** ולפני הוי' ישפוך שיחו . .

. . נאר ער זאל קענען אריינגעהן ~~צו~~ **רעדען מיט** מיר ~~בעהטען~~ דריי מאהל א טאג . .

---

*** ראה תורה אור פג, ב. ועוד.**

****) ראה ~~מאור~~ תולדות י"י פ' ואתחנן. מאור עינים פ' תשא.**

14

-ז-

לכאורה איז ניט מובן, פארוואס דער עני דוקא בעהט די בקשה פון ולפני הוי׳ ישפוך שיחו. אין פלוג האט דער $$$ עשיר וואס איהם פעלט גארניט, ער האט בעדארפט בעהטען אזא סארט בקשה, זיין מבוקש האט בעדארפט זיין צו ריידען מיטן מלך. מה שאין כן דער עני וועלכער איז א חסר, האט זיין מבוקש געדארפט זיין למלאות חסרונו.

ובפרט ברוחניות העניינים, הואס אין עשיר אלא בדעת ואין עני אלא בשעת, איז דאס נאך מעהר ניט פארשטאנדיג, ווי קומט דאס צו א עני אזא סברא און אזא איינפאל צו בעהטען לפני הוי׳ ישפוך שיחו. אדרבא דער עשיר בדעה, וואס איהם פעלט גארניט, ווארום דעת קנית מה חסרת, האט זיין בקשה געדארפט זיין ריידען מיטן מלך.

נאר דער ענין איז: אן עשיר איז א מציאות און יעדע מציאות—איז פאראן מה שלמעלה ממנו, וואס דאס האט ער נאך ניט. די בקשה פון דעם עשיר קומט מצד זיין מציאות הואס ער איז, ער בעהט א ענין וואס איז פארבונדען מיט זיין מציאות, פעהלט אין זיין מציאות. א עני, איז בהעדר המציאות, ניט ער האט עפעס און ניט עס פעהלט, במילא איז זיין בקשה ניט מצד זיך, נאר מצד דעם מלך און פערפאר—וואס איז זיין בקשה רעדען מיטן מלך.

שכקאד"ש בקשת העני איז ניט מצד זיין מציאות, נאר מצד דעם וואס דער מלך האט אויסגערופען אז מען זאל בא איהם בעהטען, מצד דעם קומט זיין בקשה. (איז ער) כעונה אחרי הקורא. וויבאלד אז דער מלך האט געזאגט אז מען זאל בא איהם בעהטען, זיין $$$$ מבוקש,

און בשעת עס איז דער תפלה לעני, אז ער טוהט זיך אויס לגמרי פון זיין מציאות, ער איז קיין מציאות דקדושה אויך ניט, במילא איז זיין איינציגער מבוקש לפני הוי׳ ישפוך שיחו, דאמאלסט זאגט דער אויבערשטער, אז ער גיט איהם אב אויך אלע עניינים פרטים, וואס געפינען זיך בארמון המלך.

אין זהר שטעהט אז תפלה לעני מיינט דאס די תפלה פון משיחן, עני ורוכב על החמור.

אזוי אויך איצטער איז דאך דער ענין פון תורת החסידות פארבינדען זיך מיט תורה ווי זי איז פאראייניגט מיטן אויבערשטען, דאס איז א מעין פון דעם מרחב עצמי שבתורה וואס וועט נתגלה ווערען לעתיד. דערפאר איז אויך איצטער קען מען דורך לימוד החסידות והנהגות והדרכותי׳ צוקומען צו דעם תפלה לעני, וואס דאס איז מגלה דעם משיח הפרטי שבכל אחד $$$ ואחד מישראל, וואס דאס איז דער ענין פון פנימיות הלב כמבואר באגה"ק, ביז מען קומט צו משיח הכללי, עני ורוכב על החמור.

(משיחת שק" בשלח, חמשה עשר בשבט, תשט"ז)

היינט איז דאך חמשה עשר בשבט, ראש השנה לאילנות.

דער ענין פון ר"ה לאילנות איז פאראן אויך אין דעם אדם, ווארום עס $$$$$$$$$ דאך האדם עץ השדה.

דער ענין פון א אילן איז וואס ער איז עושה פירות, אזוי אויך דארף יעדער איד זיין א משפיע אויף זיין סביבה, אין שוהל, אין א ישיבה און בכלל—אויף די אלע אידען מיט וועלכע ער טרעפט זיך, דארף ער אויף זיי משפיע זיין.

די ברכה וואס מען גיט איהם איז, אז זאלען זיין כיוצא בו, זיין פנימיים. וואס דאס איז די בעסטע ברכה פאר א אילן, וגו׳ די רז"ל זאגען, אילן אילן במה אברכך, כיוצא בך.

און בשעת עס וועט זיין כיוצא בו, איז ווי די גמרא זאגט אין מס׳ סנהדרין, וואו די גמרא רעכענט דארט אויס כמה קצין און נאכדעם איז מסיים, אז בשעת עס וועט זיין איין לך קץ מגולה מזה, דאס איז דער אמת׳ר סימן אז משיח קומט.

אז מען האלט זיך אן באילנא דחייא, כ"ק רבותינו הק׳ ותורת החסידות, און מען איז דאס משפיע אויך אויף א צווייטען אידען, ביז עס איז פירותיו כיוצא בו, אז מען וועט קענען זאגען ראו גדולים שגידלתי, דאס איז א סימן אויף דער גאולה העתידה ע"י משיח צדקנו.

**עמוד 14**

.. האט זיין מבוקש געדארפט זיין **קודם כל** למלאות חסרונו ..

.. ~~ו~~לפני הוי' ישפוך שיחו ..

נאר דער ענין איז**:**

* אן עשיר איז א מציאות .. *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

.. ~~במילא איז~~ די בקשה פון עשיר קומט מצד זיין מציאות .. *[סימן להוסיף רווח בין התיבות "עשיר" ו"קומט"]*

.. ~~ד.ה. ער בעהט א ענין וואס~~ **נאר דאס** פעהלט **נאך** אין זיין מציאות ..

.. ~~משא"כ~~ א עני, איז בהעדר המציאות ~~לגמרי~~, ניט ער האט עפעס און ניט **ער פילט אז** עס פעהלט ~~עפעס~~**.** ..

.. ~~(בזכרון אחדים שכקאד"ש אמר:~~ בקשת העני איז .. *[סימן בעיגול להשמיט את תיבת "שכקאד"ש"]*

.. ~~במילא~~ ער איז כעונה אחרי הקורא .. *[תחילה נכתב "איז ער", ותיקן כנ"ל]*

.. ~~ווערט דאס~~ **בעט ער במילא, און דער מלך איז** זיין מבוקש, ~~זיין מבוקש ווערט בעהטען בא דעם מלך, דערפאר בעהט ער מען זאל איהם לאזען בעהטען דעם מלך.)~~ ..

.. **ו**במילא איז זיין איינציגער מבוקש ~~ו~~לפני הוי' ישפוך שיחו ..

.. אז ער גיט איהם אב ~~במילא~~ אויך אלע ענינים פרטים ~~וואס ער דארף~~ ..

.. אין זהר שטעהט***)** אז תפלה לעני מיינט**'ן** דאס די תפלה פון משיחן ..

.. דער ענין פון תורת החסידות ~~אויך~~ **פנימיות התורה** פארבינדען זיך מיט תורה ווי זי איז פאראיינציגט מיטן אויבערשטען *[סימן בעיגול להשמיט את תיבת "אויבערשטען"]* **סתים דקוב"ה**, ~~וואס~~ דאס איז ..

.. דורך לימוד החסידות ו~~מ~~**ה**נהג~~י~~**ותי'** והדרכותי' ..

*האדם עץ השדה*

.. ווארום עס ~~שטעהט~~ **איז** דאך ~~אז~~ האדם עץ השדה ..

.. דער ענין פון א אילן איז וואס ער איז עושה פירות, **פון וועלכע סוואקסען אויס אילנות עושי פירות**, אזוי אויך דארף יעדער איד זיין א משפיע אויף זיין סביבה, אין שוהל, אין א ישיבה און בכלל **-** אויף די אלע אידען מיט וועלכע ער טרעפט זיך, דארף ער אויף זיי משפיע זיין: **עס זאלען צוקומען נאך <u>אידען</u>.**

די ברכה וואס מען גיט איהם איז, אז ~~פירותיו~~ **זיינע נטיעות** זאלען זיין כיוצא <u>בו</u>, ~~אין~~ **ווי** זיין~~ע ענינים~~ פנימיי~~ם~~**ות**. וואס דאס איז די בעסטע ברכה פאר א אילן, ~~אז פירותיו זאלען זיין כיוצא בו~~, ווי די רז"ל זאגען, אילן אילן במה אברכך, ~~שתהא פירותיך~~ **שיהא נטיעותיך** כיוצא ב**ך**.

און בשעת עס וועט זיין ~~פירותיו~~ **נטיעותיך** כיוצא בו, איז ווי די גמרא זאגט אין מס' סנהדרין **(צח, א)** ~~און מס' ע"ז~~, וואו די גמרא רעכענט דארט אויס כמה קצין נאכדעם איז ~~די גמרא~~ **מען** מסיים, אז בשעת עס וועט זיין ~~פירותיו כיוצא בו~~ **ענפיכם תתנו ופריכם תשאו** אין לך קץ ~~יותר גדול~~ **מגולה יותר** מזה, ~~וואס~~ דאס איז דער אמת'ר סימן אז משיח קומט ..

.. אז מען האלט זיך אן באילנא ד~~ה~~**ח**יא ..

---

* **חג קצה, א. וראה אגדת בראשית פ"ו.**

15 19 -ח- עבודה בשמחה

משנכנס אדר מרבין בשמחה.

אין דער משנה שטעהט משנכנס אב ממעטין בשמחה, נאר די גמרא זאגט אויף דעם, כשם שמשנכנס אב ממעטין בשמחה, כך משנכנס אדר מרבין בשמחה.

זעהט מען אין דעם צוויי ענינים הפכיים:

א) פון דעם לשון כשם איז משמע, אז דער עיקר איז דער משנכנס אב ממעטין בשמחה, וואס דאס שטעהט בפירוש אין דער משנה, משא"כ דער משנכנס אדר מרבין בשמחה, איז דאס ניט מער ווי כשם, וואס מען לערנט עס אפ פון משנכנס אב.

ב) לאידך גיסא זעהען מיר אז בהנוגע לפועל איז דער משנכנס אב ממעטין בשמחה בהגבלה. ניט אין אלץ איז מען ממעט. עס איז פאראן ענינים שמחה אויך באב, מה שאין כן דאס וואס משנכנס אדר מרבין בשמחה איז דאס אהן קיינע הגבלות.

לכאורה איז דאס ניט מובן. וויבאלד אז דער גאנצער ענין פון משנכנס אדר מרבין בשמחה קומט ארויס פון דעם משנכנס אב ממעטין, ווי דער לשון הגמרא איז, כשםקיינס פארוואס איז דער משנכנס אדר מרבין בשמחה מערער ווי דער משנכנס אב ממעטין וכו'.

דער ביאור בפשטות אין דעם, ווייל שמחה דארף $$$$$$ זיין אלעמאל. עס איז דאך לא לתוהו בראה אלא לשבת יצרה, אפילו בחודש אב, און עס איז דא דער ציווי פון עבדו ה' בשמחה. דערפאר איז דער מרבין בשמחה בלי גבול און דער ממעטין איז בהגבלה, ווייל אויך דאמאלסט דארף זיין געוויסע עניני שמחה, צב דעם ציווי פון עבדו ה' בשמחה.

דער פנימית הענין אין דעם איז, ווי מען האט גערעדט פריהער אין מאמר, אז דער תכלית הכוונה איז אויסצופיהרען דעם נתאוה הקב"ה להיות לו ית' דירה בתחתונים, אז דער אויבערשטער פלא האבען א דירה דא למטה. וכשם ווי דער אדם וואוינט אין א דירה $$$ געפינט ער זיך $$$ אין דער דירה בכל עצמותו, אזוי איז אויך דער פירוש פון דירה בתחתונים, אז דער אויבערשטער זאל זיין למטה בכל עצמותו ומהותו ית'.

עס שטעהט דאך עוז וחדוה במקומו. דארטן וואו דער אויבערשטער געפינט זיך איז שמחה. במילא בכדי עס זאל זיין דירה בתחתונים, מוז מען האבען עוז וחדוה, וואס דאמאלסט איז עס במקומו ודירתו ית'.

און דערמיט איז מובן, וואס מען דארף זיין שטענדיג בשמחה, אין אלערליי זמנים, אפילו אין די זמנים וואס עס שטעהט אויף זיי ממעטין. דארף מען אויך דאמאלסט זיין בשמחה במדה ידועה, וויבאלד אז די דירה לו ית' מוז מען מאכען שטענדיג, בכל רגע ורגע, ווארום דאס איז דאך כל האדם, אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני, במילא ליגט דער חיוב צו זיין שטענדיג בשמחה בכל רגע ורגע.

דאס וואס לפעמים דארף זיין דער סדר עבודה אין צוויטען קו, אין קו ההפכי פון שמחה, וועט מען דאס אויך פארשטעהן עפ"י המבואר אין דעם מאמר, דעם סדר ווי מען מאכט א דירה לו ית', עד"מ ווי מען מאכט א דירה למלך בשר ודם. די ערשטע זאך מוז מען דעם ארט מנקה זיין מכל לכלוך וצואה און דערנאך איז מען דאס מייפה בכלים נאים בכדי עס זאל זיין ראוי לדירת המלך.

אזוי איז דאס אויך אין עבודה רוחניות, מוז מען פריהער ארויסנעמען דעם לכלוך וצואה, וואס דאס טוהט זיך אויך דורך דעם קו המרירות, $$$$$$ און דאס איז די עבודה פון חודש אב, ממעטין בשמחה, בכדי ארויסצונעמען די ענינים פון ומפני חטאינו גלינו מארצנו. דאס איז אבער מער ניט ווי א הכנה צו א דירה, די דירה אליין מאכט מען דורך שמחה.

אין דאס איז דער טעם וואס חסידים זיינען ניט מהדר אין דעם משנכנס אב ממעטין בשמחה. מה שאין כן אין דעם משנכנס אדר מרבין בשמחה, וואס דאס איז דער עיקר העבודה, איז מען אין דעם מהדר.

דאס וואס עס שטעהט אין דער גמרא אויף דעם ענין פון משנכנס אדר מרבין בשמחה דער דיוק כשם, וואס דערפון איז משמע אז דער משנכנס אדר מרבין קומט ארויס פון דעם משנכנס אב ממעטין, איז דאס מובן עפ"י המבואר בחסידות, אז דער יתרון האור איז בא מתוך החושך דוקא. במילא איז מובן אז ווער רופט ארויס אין אדר די שמחה בלי גבול, עד דלא ידעי, דאס קומט מתוך החושך דוקא, ד. ה. נאך די $$$$$ עבודה פון אתכפיא סט"א ע"י המרירות, דאמאלסט איז די שמחה ביותר, בלי גבול.

און דאס איז דער טעם וואס בחודש אדר דוקא איז די שמחה בלי גבול, ווייל דאמאלסט איז דאס געקומען מתוך החושך, ווי עס

**עמוד 15**

*<u>עבודה בשמחה</u>*

. . אין דער משנה שטעהט ~~דער לשון~~ משנכנס אב ממעטין בשמחה . .

. . ב) לאידך גיסא זעהען מיר אז בהנוגע לפועל איז דער משנכנס אב ממעטין בשמחה ~~איז דאס~~ **-** בהגבלה. ניט אין אלץ איז מען ממעט, ~~נאר אין דעם וואס מען דארף און וואס מען מעג.~~ עס איז ~~אבער~~ פאראן עניני שמחה אויך באב*), ~~ווי מען געפינט בא ר' יהודא הנשיא, אז ער האט אויך אין אב געפירט זיך בכמה עניני שמחה,~~ מה שאין כן דאס וואס משנכנס אדר מרבין בשמחה איז דאס אהן קיינע הגבלות . .

. . משנכנס אב ממעטין ~~וכו'~~ . .

. . און עס איז ~~דאך~~ **אלעמאל** דא דער ציווי פון עבדו ה' בשמחה . .

. . **ובפרט** מצד דעם ציווי פון עבדו ה' בשמחה . .

. . דארטן וואו דער אויבעשטער געפינט זיך ~~דארטן~~ איז שמחה . .

. .וואס דאמאלסט ~~ו~~**קען**~~רט~~ *[תחילה נכתב "ווערט", ותיקן ל"קען"]* עס **זיין** מקומו ודירתו ית'**) ..

. . וואס עס שטעהט אויף זיי ממעטין**.** ~~וכו',~~ . .

. . ~~ווייל~~ וויבאלד אז די דירה לו ית' ~~מאכט מען נאר דורך שמחה, און די דירה לו~~ ית' *[סימן בעיגול להשמיט את תיבת "ית'"]* מוז מען מאכען שטענדיג . .

. . ~~ו~~אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני . .

. . אזוי איז דאס אויך אין עבודה רוחני**ת** . . *[תחילה נכתב "אויך איז דאס", ותיקן כנ"ל]*

. . מען מוז פריהער . . *[תחילה נכתב "מוז מען", ותיקן כנ"ל]*

. . דעם קו המרירות**.** ~~וכו', וואס~~ **און** דאס איז די עבודה פון חודש אב . .

. . דאס איז אבער מער ניט ווי א הכנה צו א דירה**.** ~~אבער~~ די דירה אליין מאכט מען דורך שמחה . .

. . ~~און דאס איז דער טעם וואס חסידים זיינען ניט מהדר אין דעם משנכנס אב ממעטין בשמחה. ווייל דאס איז ניט מער ווי א טפל צו עבודה. מה שאין כן אין דעם משנכנס אדר מרבין בשמחה, וואס דאס איז דער עיקר העבודה, איז מען אין דעם מהדר~~ . .

. . דער דיון ~~הלשון~~ <u>כשם</u> . .

. . נאך די עבודה פון אתכפיא סט"א ע"י המרירות ~~כו',~~ דאמאלסט איז די שמחה ביותר, בלי גבול . . *[תחילה נכתב "גובל", ותיקן כנ"ל]*

. . ווייל דאמאלסט איז דאס געקומען מתוך החושך, ~~אתכפיא ואתהפכא,~~ . .

---

***) ראה שו"ע או"ח סתקנ"א ס"ב. ב"ח לטור ~~או"ח~~ ר"ס ~~ס~~תקנ"א: אב) באכילת בשר כו'. וצ"ע במגן אברהם שם סק"א.**

****) עיין חגיגה ה, ב ~~בגירסת~~ דיש גורסין ובבתי גואי ליכא - הובא בעבודת הקודש ח"ג פנ"ז -. וגם לגירסתנו מבואר ברשימות הצ"צ לאיכה ע' כב-כג. ואכ"מ.**

-ס-

שטעהט ורבים מעמי הארץ מתיהדים, עמי הארץ, ג' קליפות הטמאות, זיי אליין זיינען מתיהדים, געווארען יהודים, כופר בע"ז ומודים בכל התורה.

און מצד די עבודה ווערט דער יתרון האור, אז דעם גאנצער חודש אדר דארף זיין שמחה בלי גבול, עד דלא ידעי, ווי ער זאגט והחודש אשר נהפך וואס דאס געהט אויף'ן גאנצען חודש אדר.

(משיחת ש"ק מברכים אדר תשמ"ז)

רפואת הגוף ורפואת הנפש

אין די היינטיגע סדרה (משפטים) שטעהט ורפא ירפא. זאגען אויף דעם רז"ל, מכאן שניתן רשות לרופא לרפאות. מען זאל ניט זאגען, רחמנא מחי ואנא מסי? איז אויף דעם לערנט מען אפ פון דעם פסוק, אז ניתן רשות לרופא לרפאות.

נאך א לימוד איז פאראן, אז ניט נאר וואס עס איז א רשות לרפאות, נאר עס איז אויך א חובה. לערנט מען אפ פון פסוק והשבותו לו, וואס עס שטעהט בהשבת אבדה.

דער רמב"ם ברענגט ניט דעם פסוק פון ורפא ירפא, נאר דעם פסוק פון השב תשיבנו, און דער טעם איז פשוט, ווי עס שטעהט אין אחרונים; פון ורפא ירפא לערנט מען אפ מער ניט אז עס איז רשות, משא"כ פון פסוק השב תשיבנו לערנט מען אפ א גרעסערע זאך א חיוב לרפאות.

ווי איז אויך אין עבודה רוחניות, איז אויך פאראן אין דעם צוויי ענינים: ורפא ירפא שניתנה רשות און אז עס איז א חובה.

איז דאך אין רוחניות אויך פאראן דער ענין החולי. און אין דעם איז פאראם כמה סוגים. חולה שיש בו סכנה, חולה שאין בו סכנה, ביז עס איז פאראן א מדריגה פון חולה בגימט' מ"ס, וואס דאס מיינט, אז ער האט שוין דערגרייכט צו מ"ט שערי בינה, נאר עס איז א חולה, וואס עס פעהלט איהם דער שער הנו"ן.

איז דאך מובן דער ריחוק וואס עס איז די סוגי חולים.

עס איז פאראן א חולה וואס זיין חולי איז נוגע אין קיום המצוות, וואס רמ"ח מצוות עשה זיינען די רמ"ח אברים און שס"ה ל"ת זיינען די שס"ה גידים. חולה אין קיום המצוות ר"ל איז דאך זייער חולאת א ענין וואס איז זעהר נוגע.

און עס איז פאראן א חולה, וואס עס פעהלט איהם דער שער הנו"ן, מדריגת משה רבינו, וואס עס שטעהט אויף איהם, ותחסרהו מעט מאלקים, ווייל ער האט ניט געהאט דעם שער הנו"ן, און האט דערצו זוכה געווען בשעת הסתלקותו בהר נבו, נו"ן בו.

לויט דעם חילוק אין די סוגי החולים, איז אויך דער חילוק אין דעם הכרח הרפואה.

בשעת עס רעדט זיך וועגען א חולה אין קיום המצוות, דאמאלסט די רפואה א חובה. אבער בשעת עס האנדעלט זיך וועגען א חולה בגימט' מ"ס, וואס עס פעהלט איהם דער שער הנו"ן, אויף דעם שטעהט ורפא ירפא, שניתן רשות לרופא לרפאות.

די הוראה פון דעם איז:

בשעת מען מאנט בא א אידען, ער זאל טאן אין הפצת היהדות, פועל'ן אויף א אידען בנוגע לקיום המצוות בפועל און ער ענפערט, אז ער זשאלעוועט די צייט, ער וויל בעסער אויסניצען די צייט צו טאן מיט זיך, עולה זיין בשער הנו"ן.

דארף ער וויסען, אז דאס וואס מען מאנט בא איהם צו היילען יענעם, רעדט זיך דאס וועגען א חולאת וואס מען איז מחוייב צו היילען, מה שאין כן וואס ער וויל טאן מיט זיך — א גלייכע זאך, אבער דאס איז א רשות לגבי דעם חוב וואס ער האט פארן צווייטען. וע"ד לשון הגמרא, אז לגבי חובה איז דאס רשות און לגבי רשות איז דאס א מצוה.

אין מצוות מעשיות זיינען אלע אידען גלייך, דאס איז שייך צו יעדער איינעם. מצוות התורה, דקדוק קל של דברי סופרים און פון די שפעטערדיגע, כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש, דאס איז שייך צו אלע אידען.

**עמוד 16**

. . עמי הארץ, ~~מיינט די~~ ג' קליפות הטמאות, ~~אז~~ זיי אליין זיינען מתיהדים . .

. . און מצד די עבודה ~~פון אתכפיא ואתהפכא,~~ ווערט דער יתרון האור . .

*<u>רפואת הגוף ורפואת הנפש</u>*

אין ~~די~~ היינטיגע**ר** סדרה . .

. . זאגען אויף דעם ~~די~~ רז"ל, מכאן שניתנ~~ה~~**ן** רשות לרופא לרפאות . .

. . רחמנא ~~מכהי~~ **מחי** ואנא ~~מצלי~~ **מסי** . .

. . ~~דאס~~ מען לערנט **עס** אפ *[תחילה נכתב "לערנט מען", ותיקן כנ"ל]* פון פסוק ~~השב תשיבם~~ **והשבותו לו***), וואס עס שטעהט בהשבת אבדה. ~~לערנט מען דערפון אפ מיט א קל וחומר אויף רפואה. אם בממון הקל איז מען מחוייב להשיב, מכל שכן השבת הגוף, רפואה, איז מען א ודאי מחוייב.~~

דער רמב"ם ~~מיט נאך ראשונים, בשעת זיי~~ **ער** ~~רייעדעט~~ *[תחילה נכתב "זיי ריידען", ותיקן ל"ער רעדט", ואח"כ סימן למחוק כל השורה]* ~~דער דין פון היילען יענעם,~~ בריינגע**ט** ~~זיי~~ ניט דעם פסוק פון ורפא ירפא, נאר דעם פסוק פון ~~השב תשיבם ביי השבת אבדה~~ **והשבותו לו**, און דער טעם איז פשוט, ווי עס שטעהט אין אחרונים: ~~ווייל~~

* פון ורפא ירפא *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]* לערנט מען אפ מער ניט ~~ווי~~ אז עס איז ~~ניתנה~~ רשות, משא"כ פון ~~פסוק השב תשיבם~~ **והשבותו לו**, לערנט מען אפ א גרעסערע זאך, ~~אז עס איז~~ א חיוב לרפאות.

ווי ~~דער ענין~~ **דאס** איז אין עבודה רוחניות, איז אויך פאראן אין דעם צוויי ענינים**:** ורפא ירפא שניתנה רשות און ~~השב תשיבם~~ **והשבותו לו** אז עס איז א חובה.

~~ווארום ווי עס איז ידוע~~ אין רוחניות איז דאך *[תחילה נכתב "איז דאך אין רוחניות", ותיקן כנ"ל]* אויך פאראן דער ענין החולי. און אין דעם איז פאראן כמה סוגים. חולה שיש בו סכנה, ~~ו~~חולה שאין בו סכנה, ביז עס איז פאראן א מדריגה פון <u>חולה</u> בגימטי' מ"ט, וואס דאס מינט, אז ער האט שוין דערגרייכט צו ~~די~~ **אלע** מ"ט שערי בינה, נאר ער איז א חולה ~~דערמיט~~, וואס**רום** עס פעהלט איהם דער שער הנו"ן.

איז דאך מובן דער ~~גרויסער~~ ריחוק וואס עס איז ~~פאראן אין~~ **צווישען** די סוגי חולים. **והביאור בקצרה:**

עס איז פאראן א חולה וואס זיין חולי איז נוגע ~~פשוט~~ אין קיום המצוות, וואס רמ"ח מצוות עשה זיינען די רמ"ח אברים און שס"ה ל"ת זיינען די שס"ה גידים. ~~איז דאך מובן אז~~ ~~אזא סארט~~ חולה אין קיום המצוות ר"ל - איז דאך זיין חולאת א ענין וואס איז זעהר נוגע . .

. . ~~וואס דאס איז א~~ **על דרך** מדריג~~ה~~**ת** ~~פון~~ משה רבינו . .

. . און האט דערצו זוכה געווען בשעת הסתלקותו בהר נבוא~~.~~, **נו"ן בו.** . .

. . לויט דעם חילוק אין די סוגי החולים, אזוי איז אויך דער חילוק אין דעם **אופן** ~~נחיצות ו~~הכרח ~~פון~~ **ה**רפואה . .

. . דאמאלסט ~~לערנט מען אפ~~ **איז** די רפואה ~~פון השב תשיבם, אז דאס איז~~ א <u>חובה</u> . .

. . וואס עס פעהלט איהם **נאר** דער שער הנו"ן . .

. . **ניט אלעמאל און צו אלעמען איז דאס שייכות,** ~~**או??**~~

* * *

. . די הוראה פון דעם איז~~.~~ **אויך:** . .

. . אז ער זשאַלעוועט די צייט . .

וואס ער וויל טאן מיט זיך~~, מהיכי תיתי~~ - א גלייכע זאך, אבער דאס איז ~~נאר~~ א רשות . .

. . דקדוק קל של דברי סופרים או~~נ~~**יך** ~~אזוי~~ פוו די שפעטערדיגע . .

---

***) סנהדרין עג, א. וע"פ מש"כ בפיה"מ להרמב"ם נדרים פ"ד מ"ד.**

אבער עניני הידורים, זיינען פאראן ענינים וואס ניט אלע האלטען דערביי.

און ביב מען כאפט זיך אן אין דעם, קען דאס א-מאל קומען פון צד פון יצה"ר, וואס עס לייגט איהם סאך א ענין פון הידור, בכדי צו ממעט זיין אין דעם וואס ער איז מחוייב צו טאן.

ובהנוגע לפועל, דארף מען טאן אין דעם וואס מען איז מחוייב בהשבת אבדה, און דאן וועט דער אויבערשטער געבען הצלחה אויך בעבודה הפרטית בהנוגע לבם.

(משיחת ש"ק מברכים אדר תשמ"ז)

אין היינטיגען שבת איז דא נאך א ענין, עס איז שבת מחר חודש. און אין דער הפטורה איז מען מסיים בפסוק ראשון ואחרון פון די הפטורה מחר חודש.

דער ענין פון ערב ראש חודש איז, וואס די לבנה איז שוין איינגאנצן בהעלם. עס איז שוין צוויי וואכען, וואס די לבנה האלט אין איין נתמעט און נתעלם ווערען, ביז זי ווערט א נקודה בלבד. און נאך מעהר, אז זי ווערט נתעלם לגמרי לבסוף, וואס דאס איז די נקודה האחרונה שבער"ח. קען מען זיך דאך ח"ו מייאש זיין, אויף דעם זאגט מען – מחר חודש. אט באלד ווערט די לבנה צוריק נתחדש, זי הויבט אן צוריק לייכטען, און וויסענדיג דאס איז גרינגער צו דורכטראגען דעם זמן פון ערב ראש חודש.

ישראל מונין ללבנה, ווייל ישראל דומין ללבנה.

זמן הגלות איז דאך דער העלם והסתר. עס איז שוין א משך זמן וואס די לבנה האלט אין איין נתעלם ווערען. זי ווערט א נקודה בלבד, ביז זי ווערט ח"ו נתעלם לגמרי, קען מען דאך אראפפאלען ביי זיך און אריינפאלען אין א יאוש.

–אמת טאקע, אז די אויבערשטע העלפט פון די לבנה איז גאנץ אלע מאל. אזוי שטעהט אין חסידות און אזוי אויך מובן אין חכמת הטבע. אבער די אונטערשטע האלבע לבנה, ד.ה. וואס מיר זעהען, דאס וואס עס איז נוגע צו עבודה, ווערט דאס נתעלם –

אויף דעם זאגט מען, מחר חודש. באלד ווערט צוריק נתחדש. עס וועט א זמן פון גילוים נעלים ביותר, וואס עס איז נאך קיינמאל ניט געוועז.

און וויסענדיג, אז מחר חודש, און אז דער מחר חודש איז תלוי במעשינו ועבודתינו במשך זמן הגלות, אז דורך די עבודה שבזמן הגלות דוקא, וועט מען צוקומען צו די גילויים פון ימות המשיח, גיט דאס א גישמאקקייט און א גרינגערקייט אין דער עבודה שבזמן הגלות.

ווארום דוקא דורך די עבודה איצטער, וועט מען צוקומען צו דעם ישכיל עבדי ירום ונשא וגבה מאד, וואס מאד איז אותיות אדם, אבער אין א אנדער צירוף, ד.ה. אז עס איז נאך העכער פון אדה"ר, כמבואר בדא"ח, און צו דעם קומט מען צו דורך די עבודה דעכשיו דוקא, אז מען ווערט אלץ נענטער צום בעתה און צום אחישנה, אז במהרה בימינו וועט זיין די גאולה שלימה דורך משיח'ן, און עס וועט זיין בגילוי די דירה בתחתונים לו ית'.

(משיחת ש"ק מברכים אדר תשמ"ז)

**עמוד 17**

. . אבער ~~ל~~**ב**עניני הידורים . .

. .וואס עס ליינט איהר **ער זאל** טאן א ענין פון הידור, ~~בכדי צו~~ **א~~בי~~ אויב דורך דעם וועט ער** ממעט זיין אין דעם וואס ער איז מחוייב צו טאן***)** ..

. . און דאן וועט דער אויבערשטער ~~זיי~~ געבען הצלחה אויך בעבודת~~ם~~**ה** הפרטית בהנוגע ~~להם~~ **צו זיך ביז צו שער הנו"ן.**

<u>*מחר חודש*</u>

. . עס איז ~~דאך~~ שבת מחר חודש . .

. . אז זי ווערט לבסוף נתעלם לגמרי . . *[תחילה נכתב "נתעלם לגמרי לבסוף", ותיקן כנ"ל]*

. . וואס דאס איז די ~~נקודה~~ **רגע** האחרונ~~ה~~**ן** שבער"ח . .

. . ~~אין~~ זמן הגלות איז דאך דער **זמן ה**העלם **וה**הסתר ~~זעהר גרויס.~~ . .

. . די לבנה האלט אין איין ~~נתעלם~~ **נתמעט** ווערען. **ביז** זי ווערט א נקודה בלבד . .

. . איז אלע מאל גאנץ . . *[תחילה נכתב "גאנץ אלע מאל", ותיקן כנ"ל]*

. . אזוי שטעהט אין חסידות און אזוי **איז** אויך מובן אין חכמת הטבע . .

. . ד.ה. וואס <u>מיר</u> זעהען, דאס וואס עס איז נוגע צו עבודה, **איז אין שינוים און לפעמים** ווערט דא~~ך~~**ס** נתעלם . .

. . ~~איז~~ <u>באלד</u> ווערט צוריק נתחדש. עס וועט ~~זיין~~ **קומען** א זמן פון גילוים נעלים ביותר . .

. . אבער ~~אהן~~ **אין** א אנדער צירוף . .

* אז מען ווערט אלץ נענטער צום בעתה און צום אחישנה, . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

* אז במהרה בימינו וועט זיין די גאולה שלימה דורך **עבדי הנ"ל דורך** משיח'ן . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

---

***) ראה ~~הביאור~~ בארוכה קונטרס העבודה פ"ז.**

18 -יא- מחיית עמלק ברוחניות.

עס איז דא דיעות אז קריאת פרשת זכור איז מדאורייתא, מצד דער מצות עשה פון זכור את אשר עשה לך עמלק.
אויסער די עשה פון זכור, איז אויך פאראן א לאו, לא תשכח. און דאס איז ~~דערפאר זיינען דא~~ דיעות אז אויך נשים זיינען מחוייב בזכירת עמלק, ווייל זיי [redacted] זיינען דאך מחוייב אין דעם לאו, זיינען זיי במילא אויך מחוייב אין די עשה.
פון דעם פארשטעהט מען אויף וויפיעל עס איז נויטיג דער ענין פון זכירת עמלק ~~אין עבודה דרוחניות~~, וואס ~~דערפאר~~ זיינען אלע מחוייב אין דעם ~~אפילו נשים~~.
בגם אז מחיית עמלק בגשמיות איז איצטער נים שייך. עס איז גאר פאראן דיעות, אז די מצוה איז מוטל נאר אויפ'ן מלך, אז ער דארף אגייס את בני ישראל למחות זרעו של עמלק. נאר אפילו לפי הדיעות אז די מצוה איז מוטל על כל אחד ואחד מישראל, איז אויך לפי שיטה זו, [redacted] איצטער נים שייך דער ענין פון מחיית עמלק בגשמיות.
[redacted] א) דער ענין איז $$$ שייך [redacted] בזמן שיד ישראל תקיפה. ב) נאר ווען מען ווייסט קלאר, ווער עס איז מזרעו של עמלק, אבער משבא סנחרב ובלבל את העולם, ~~דארף מען~~ געהט לוים'ן רוב, וכל דפריש מרובא פריש, ~~במילא איז איצטער נים שייך מחיית עמלק בגשמיות~~.
נאר ווען משיח וועט קומען, וואס דאמאלסט וועט זיין יד ישראל תקיפא, און מען וועט מברר זיין ווער ע ס שטאמט פון עמלק'ן, דאן וועט דער מלך המשיח מוחה זיין אלע ענינים פון עמלק'ן, מאיש ועד אשה וגו'.
[redacted] דאס איז מערנים ווי אין גשמיות, אבער אין עבודה רוחניות, איז פאראן דער ענין אויך איצטער, אז אלע אידען זיינען מחוייב בזכירת מעשה עמלק, ואפילו נשים שאינן יוצאות למלחמה, זיינען [redacted] אויך מחוייב אין דעם.
און די מצוה פון זכירת מעשה עמלק איז נים נאר איין מאל אין לעבען, ~~נאר דאס איז א חיוב פון~~ פעם אחת בשנה ~~לכל הפחות. און באמת דערמאנט מען דאך דאס אין די ששה זכירות, וואס מען זאגט~~ יעדען טאג, וואס דאס איז א הוראה, אויף וויפיעל עס איז נוגע זכירת מעשה עמלק, ברוחניות עכ"פ, אין עבודת השם, ~~אז אלע אידען זאלן~~ אין אלע זמנים, ~~אז מען דארף עס טאן אלע טאג~~.
דער ענין פון עמלק אין רוחניות, איז [redacted] אשר קרך בדרך, $$$$$$$$ וואס עס מאכט קאלט אין דעם דרך פון תורה ומצוות.
און אנטקעגען די קרירות פון עמלק'ן דארף מען מלחמה האלטען יעדען טאג. עס איז ווייניג וואס ער האט זיך נעכטען אנגעווארעמט אין תורה ועבודת התפלה, נאר ער דארף היינט ווייטער לוחם זיין אנטקעגען די קרירות פון עמלק'ן.
יעדען טאג נאך איידער מען געהט ארויס האבען צו טאן מיט די עניני עולם, דארף מען זיך אנווארעמען און לוחם זיין אנטקעגען עמלק'ן, וואס דאס דארף זיין אין דאווענען, וואס דורך די התלהבות אין דאווענען וועט ער קענען לוחם זיין מיט עמלק'ן וואס ער קומט צוגיין בשעת מען האט צוטאן בעניני עולם.
און דאס איז אויך א הכנה צו מחיית $$$ זרעו של עמלק אויך בגשמיות, וואס עס וועט זיין בביאת מלך המשיח במהרה בימינו.
וואס עס איז נוגע לפרסם איז, אז מלחמת עמלק דארף זיין בכל דור ודור ובכל יום ויום, און מען קען זיך נים באנוגענען דערמים וואס עס איז געווען פריער.
מען קען זיך נים באנוגענען דערמיט וואס ער האט געהאט א שיינעם $$$$$ זיידען, א שיינעם טאטען, אדער ער אליין איז אויך געווען פריער א שיינער איד, נאר ער דארף שטענדיג מלחמה האלטען אנטקעגען די ~~התגברות און~~ קאלט-קייט פון עמלק'ן, ווארום מצד דעם וואס עס איז פאראן דער הנחשלים, קען זיך ארייננכאפען [redacted] עמלק און ויזנב בך כל הנחשלים אחריך,
~~במילא דארף מען מיט אלעם שטענדיג מלחמה האלטען~~, מוחה זיין די ~~קרירות פון עמלק'ן~~, ביז מען וועט פועל'ן בביאת המשיח דעם מחה אמחה את זכר עמלק און דעם מחה אמחה את זכר עמלק בקרוב ממש.

(משיחת ש"ק פ' זכור תשט"ז)

**עמוד 18**

*<u>מחיית עמלק ברוחניות</u>*

. . און ~~דערפאר זיינען דא~~ **דאס איז אויך איינער פון די טעמים פון די** דיעות אז אויך נשים זיינען מחוייב בזכירת עמלק, ווייל זיי ~~זיי~~ זינען דאך מחוייב אין דעם לאו . .

. . דער ענין פון זכירת עמלק ~~אין עבודה רוחניות~~, וואס ~~דערפאר~~ אלע זיינען *[תחילה נכתב "זיינען אלע", ותיקן כנ"ל]* מחוייב אין דעם~~,~~**.** ~~אפילו נשים.~~ . .

. . אז ער דארף ~~ל~~**מגייס זיין** את ישראל למחות זרעו של עמלק . .

. . ~~איז~~ איצטער ניט שייך דער ענין פון מחיית עמלק בגשמיות. **ווייל**

~~ווייל~~ א) דער ענין איז שייך ~~נאר~~ בזמן שיד ישראל תקיפה. ב) נאר ווען מען ווייסט קלאר, ווער עס איז מזרעו של עמלק, אבער משבא סנחרב ובלבל את העולם, ~~דארף מען~~ גערהן**טן** לויט'ן רוב, וכל דפריש מרובא פריש. ~~במילא איז איצטער ניט שייך מחיית עמלק בגשמיות.~~ . .

. . ~~אבער~~ דאס איז מערניט ווי אין גשמיות, אבער אין עבודה רוחניו~~ת~~**ת** . .

. . זיינען ~~זיי~~ אויך מחוייב אין דעם . .

. .און די מצוה פון זכירת מעשה עמלק איז ניט נאר איין מאל אין לעבען, ~~נאר דאס איז א חיוב פון~~ **אדער** פעם אחת בשנה ~~לכל הפחות. און באמת דערמאנט מען דאך דאס אין די ששה זכירות, וואס מען זאגט עס~~ **נאר עס דארף זיין** יעדען טאג*) ..

. . ~~אז אלע אידען און~~ אין אלע זמנים~~,~~**.** ~~אז מען דארף עס טאן אלע טאג.~~ . .

. . איז ~~דער~~ אשר קרך בדרך . .

. . מלחמה האלטען אנטקעגען די ~~קרירות און~~ קאלטקייט פון עמלק'ן . .

. .עס איז פאראן **בא עם** דער הנחשלים, קען זיך אריינכאפען ~~דער~~ עמלק און ויזנב בך כל הנחשלים אחריך~~.~~, ..

. . ~~במילא דארף מען מיט איהם שטענדיג מלחמה האלטען, מוחה זיין די קרירות פון עמלקין~~ . .

---

*) **ראה שו"ע רבנו הזקן חאו"ח ס"ס ס"ד.**

-יב-

פורים הוראה לדורות - תורה - לשון הוראה -

אויף פורים שטעהט "וימי הפורים האלו לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם." דאס הייסט, אז די ענינים פון פורים זיינען א הוראה אויף כל הדורות, אויך אויף אזא דור וואס ס איז ניטא קיין גזרות ח"ו אזוי ווי ס'איז געווען דאן, אבער די ענינים ברוחניות פארלאנגען אזא הנהגה ווי די אידען האבען זיך געפירט דאמאלסט, בימים ההם בזמן הזה, אויף מבטל זיין גזירת המן.

דאמאלסט איז געווען א גזירה להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים, ר"ל, און די גזירה איז געווען פון שושן הבירה, [illegible] פון יענע צייטען, און אידען האבען געטאן כל מה שביכולתם אויף מבטל זיין די גזירה, ביז עס איז געווארען דער ונהפוך הוא.

און פון דעם אופן ההנהגה ווי די אידען האבען זיך דאמאלסט געפירט, ווייס מען ווי צו פיהרען זיך בשעת עס זיינען פאראן די זעלבע ענינים אין רוחניות.

בימים ההם איז אסתר געווען די מלכה ~~בבית המלך~~, אחות יש לנו בבית המלכות, און מרדכי איז געווען א יושב בשער המלך, נאך איידער ער איז געווארען א משנה למלך, פונדעסטוועגען בשעת עס איז געווען די גזירה ~~און ס~~ האט זיך געפראווועט אויף פארשידענע וועגען, איז פון דעם ניט ארויס קיין תועלת און עס איז ארויס דער פתשגן כתב הדת, דאן האט מען זיך גענומען צו גאר אן אנדער עצה.

אז מען האט געהאט א קרוב אין ~~[illegible]~~ ~~פון יענע צייטען~~, מען האט געהאט די איינגעסטע פארבינדונג אין בית המלך וואס עס קאן נאר זיין, ווארום אשתו כגופו דמיא, איז וואס האט מען געדארפט זוכען אנדערע וועגען?

שטעהט אבער אין מדרש, אז ~~דאס אלץ האט גאר'נים געהאלפען~~. מרדכי האט אפגעלייגט [illegible] אלע ענינים אויף א זייט, ~~נאר ער האט זיך גענומען צו גאר אן אנדער עניין~~. ער האט צונויפגע[illegible]קליבען צוויי און צוואנציג טויזנט אידישע קינדער און זיך געזעצט לערנען מיט זיי תורה.

און געלערנט האט ער מיט זיי א ענין וואס האט בכלל ניט געהאט קיין שייכות מיט דעם מצב אין וועלכען [illegible] די אידען האבען זיך דאן געפונען, און עס האט [illegible] ניט געקענט צוגרייטען צו קיין תכלית גשמית, ווי פרנסה וכדומה.

אין א צייט וואס עס האט גיהייגגט א גזירה פון להשמיד להרוג ולאבד ח"ו, און דער בנין בית המקדש איז דאן געווען אבגעשטעלט, מען האט ניט געוואוסט ווען מען וועט איהם אנהויבען צוריק בויען, און אחשורוש האט געטענה'ט, אז ס'איז שוין דורכגעגאנגען די שבעים שנה פון גלות בבל און אלקיהם ישן הוא.

- אין משנת חסידים, וואס ער איז מיוסד אויף [illegible] כתבי האריז"ל - שטעהט אז המן וזרש ~~[illegible]~~ האבען אויך גע[illegible] די זעלבע ~~[illegible]~~ וואס אחשורוש -

אין יענע צייט האט מרדכי געלערנט מיט די קינדער הלכות עומר, וואס פון דעם קען מען ניט זיין קיין רב, קיין שוחט, קיין מלמד, קיין משגיח, ~~קיין דאן ניט~~. אפילו אויף פסקנ'ן הלכה למעשה איז דאס אויך ניט געווען נוגע, ווארום דער ביהמ"ק איז ניט געווען בבנינו, דער ביהמ"ק איז ~~[illegible]~~ געווארען פיער יאהר נאך גזירת המן. ~~[illegible]~~ איז דאס ניט געווען נוגע צו הלכה למעשה, נאר מען האט געלערנט תורה לשמה.

און די תורה האט מבטל געווען גזירת המן. ווי די גמרא זאגט, אז המן איז דורכגעגאנגען און געזעהן ווי מרדכי דער ראש פון סנהדרין זיצט און לערנט מיט קליינע קינדער תורה לשמה.

מרדכי האט ניט געזוכט אויפצושטעלען גאונים און רשכבה"ג'ן, ~~[illegible] זאלען קענען אפפרעגען א רמב"ם און פארענטפערען א רשב"א~~, נאר [illegible] האט געלערנט מיט אידישע קינדער פשוטע דינים פון הקרבת העומר.

~~און בשעת המן האט געזעהן [illegible] דער ראש הסנהדרין~~ ווערט אינגאנצען נים נתפעל פון די גזירה להשמיד להרוג ולאבד ח"ו, ~~און [illegible]~~ ~~[illegible]~~ נאר איהם איז נוגע צוויי און צוואנציג טויזענט אידישע קינדער, האט המן דאמאלסט געוואוסט אז דאס איז זיין מפלה, ~~און~~ אז מען האט איהם מנצח געווען.

דאס האט מבטל געווען די גזירה. ~~[illegible]~~ דערנאך, בכדי אנצוטאן דאס בדרכי הטבע, האט אסתר גערעדט מיט אחשורוש'ן, בכדי עס זאל זיין דער הפה שגזר ~~[illegible]~~ הוא הפה שהתיר, עס זאל זיין דער ונהפוך הוא און דער ורבים מעמי הארץ מתיהדים.

x x x

**עמוד 19**

_פורים הוראה לדורות_

אויף פורים שטעהט **בתורה - לשון הוראה -** וימי הפורים האלו לא יעברו מתוך היהודים וזכרם לא יסוף מזרעם.

* דאס הייסט . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . און די גזירה איז געווען פון שושן הבירה, ~~וואשינגטאן~~ **די הויפט שטאדט** פון יענע צייטען . .

. . א~~יז~~**ון** פון דעם אופן ההנהגה . .

. .בימים ההם איז אסתר געווען די מלכה ~~בבית המלך~~, אחות יש לנו בבית המלכות, ..

. . ~~**מען**~~ און מ'האט זיך **זיכער** געפראווועט אויף פארשידענע וועגען . . *[תחילה סימן למחוק את התיבות "און מ' " וכתב "מען", ואח"כ ביטל המחיקה הקודמת ומחק את תיבת "מען"]*

. . אז מען האט געהאט א קרוב אין ~~וואשינגטאן פון יענע צייטען~~ **דער בירה ובית המלכות אליין** . .

. . שטעהט אבער אין מדרש, אז ~~דאס אלץ האט גארניט געהאלפען.~~ מרדכי האט אפגעלייגט ~~די~~ אלע ענינים אויף א זייט, ~~נאר ער האט זיך גענומען צו גאר אן אנדער ענין.~~ . .

. . א ענין וואס האט, **על פי פשט הענין,** ניט געהאט כלל קיין שייכות . . *[תחילה נכתב "כלל ניט געהאט", ותיקן כנ"ל]*

. . און עס האט ~~זיי~~ ניט געקענט צוגרייטען . .

. . שטעהט אז המן וזרש ~~ואוהביו~~ **ויועציו** האבען אויך גע**זו**כט ד~~י~~**עם** זעלב**ען** ~~זאך~~ **חשבון** וואס אחשורוש . .

. . ~~קיין זאך ניט~~ . .

. . דער ביהמ"ק איז ~~נגמר~~ **געבויט** געווארען **לאחרי ד~~עם~~ ההפסק** פיער יאהר נאך גזירת המן. במילא דאס איז *[תחילה נכתב "איז דאס", ותיקן כנ"ל]* ניט געווען נוגע צו הלכה למעשה, נאר מען האט געלערנט תורה לשמה. **און** . .

*[העביר לכאן פיסקא זו]* . . מרדכי האט ניט געזוכט אויפצושטעלען **דוקא** גאונים און רשכבה"ג'ן, ~~זיי זאלען קענען אפפרעגען א רמב"ם און פארענטפערען א רש"י~~, נאר ~~מרדכי~~ **ער** האט געלערנט מיט אידישע קינדער פשוטע דינים פון הקרבת העומר . .

. . זיצט און לערנט מיט קליינע קינדער תורה לשמה~~.~~**, ער איז דאס ניט מבטל און** ~~איז בשעת המן האט געזעהן, ווי דער ראש הסנהדרין~~ ווערט אינגאנצען ניט נתפעל פון די גזירה להשמיד להרוג ולאבד ח"ו, ~~און זוכט ניט אויפצושטעלען גאונים~~ נאר איהם איז נוגע **די** צוויי און צוואנציג טויזענט אידישע קינדער, האט המן דאמאלסט געוואוסט אז דאס איז זיין מפלה, ~~און~~ אז מען האט איהם מנצח געווען . .

. . דאס האט מבטל געווען די גזירה. ~~נאר~~ דערנאך . .

. . **און אויך** בכדי עס זאל זיין דער הפה שגזר ~~ואסר~~ הוא הפה שהתיר, עס זאל זיין דער **ענין פון** ונהפוך הוא . .

* * *

20

-יג-

די הוראה פון דעם על כל בני ישראל ועל כל הזמנים איז:

אל תבטחו בנדיבים בבן אדם, וואס ער אליין דארף האבען א תשועה און האט איהר ניט. בשעת מען וויל מבטל זיין א גזירה שבגלוי, עאכו"כ א גזירה שבהעלם והסתר, איז די וועג וואס מען דארף טאן איז דאס די וועג אזוי ווי מרדכי האט געטאן בימים ההם. און דערנאך קען מען צושטעלען אויך ענינים בדרכי הטבע, בכדי צו געבען דעם יצה"ר א מקום לטעות, ער זאל מיינען אז ס'איז ניט קיין נס נאר טבע. דאס איז אבער מער ניט ווי א שפעטערדיגער ענין, בכדי צו מכסה זיין דאס בדרכי הטבע. די ערשטע זאך אבער איז צונויף קלייבען אידישע קינדער-לעך און לערנען מיט זיי תורה און דאס זאלען טאן אפילו די וואס זיצען ראשונה בסנהדרין. דאס איז די ערשטע זאך און קען העלפען ריידען און משתדל זיין זיך בשושן הבירה.

ע"ד המבואר בענין וברכך הוי' אלקיך בכל אשר תעשה, בענין הפרנסה. דער עיקר איז וברכך הוי' אלקיך, נאר בכדי אנצוטאן אין דרכי הטבעדארף מען האבען דעם בכל אשר תעשה. הגם אז מען דארף טאקע מאכען כלים בכדי אנצוטאן אין טבע, איז ווען קען דאס העלפען, דוקא ווען עס איז דא די ברכה מלמעלה. בשעת מען גארניט, אז די ברכה זאל זיין בשרשה ומקורה, במילא פעלט אין דעם וברכך הוי' אלקיך - ניט צו קיינעם געדעט - איז וואס איז די תועלת וואס ער וועט עפענען א קאנטא אין באנק און אנשטעלען א גרויסע קעשענע, מען דארף פריער האבען, די ברכה מלמעלה.

וכמו"כ בנידון דידן. מען דארף האבען עס זאל זיין דער וברכך הוי' אלקיך אויף מבטל זיין די גזירה, וואס דאס איז דורך חינוך פון אידישע קינדער, מען זאל אויפשטעלען א דור ישרים יבורך דורך דעם אופן החינוך ווי מען דארף - און דאן קען העלפען דער אשר תעשה, אז דאס וועט זיין כלים ראוים לברכת הוי' אויף מבטל זיין די גזירה.

און דאס איז די הוראה פון ימי הפורים אויף בזמן הזה, בכל יום ויום. צו יעדען אידען בנוגע זיינע קינדער, ועאכו"כ צו די וואס די השגחה העליונה האט זיי געגעבען דעם כח ההשפעה אויף משפיע זיין אויף כמה וכמה אידען וואס זיי זיינען בנים להוי' אלקינו, דארפען זיי אויס-נוצען זייער השפעה אז דער לימוד זאל זיין ביראת שמים, וואס דורך דעם וועט זיין א דור ישרים.

און אז עס וועט זיין א דור ישרים, דאמאלסט וועט זיין יבורך, אז זיי וועלען געבענטשט ווערען מיט אלץ וואס זיי דארפען און דורך זיי ווערען אויך געבענטשט זייערע עלטערן און קרובים, און דורכדעם אויך כלל ישראל בכל מקום שהם.

און אזוי ווי דאמאלסט איז דורכדעם וואס מרדכי איז געזעסען במקום אחד און געלערנט מיט אידישע קינדער הלכות פסוקות פון תורה, האט עס מבטל געווען גזירת המן אין אלע מאה ועשרים ושבע מדינות וואס איז גע-ווען אויף דער גאנצער וועלט,

אזוי אויך איצטער, בשעת מען וועט לערנען מיט קינדער תורה ביראת שמים, וועט דאס מבטל זיין אלע גזירות, און ברייננגען צום ונהפוך הוא, אז ישלטו היהודים המה בשונאיהם, וואס דער הויפט שונא איז דער יצה"ר, וועט מען איהם מנצח זיין כל אחד כפי ערכו.

און דאס וועט אראפברייננגען די גאולה השלימה והאמיתית, וואס דאמאלסט וועט זיין ולא ילמדו עוד איש את רעהו, כי כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם.

(משיחת פורים תשט"ז)

**עמוד 20**

. . אל תבטחו בנדיבים בבן אדם **שאין לו תשועה** . .

. . איז די ~~איין און איינציגע~~ וועג . .

. . ער זאל ~~מיינען~~ **קענען פראוועז איינרעדען** אז ס'איז ניט קיין נס נאר טבע . .

. . דאס איז די ערשטע זאך און ~~דערנאך~~ **דאן** קען העלפען ריידען . .

. . ~~איז~~ הגם אז מען דארף טאקע . .

. . איז ווען קען דאס ~~אבער~~ העלפען . .

* בשעת מען ~~וויל~~ **טוט** גארניט ~~טאן~~ . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . ~~אז~~ מען דארף **דאך** פריער האבען ~~עס זאל זיין דער ואמלאהו~~ **וואס צו אריינלייגען**, די ברכה מלמעלה . .

. . וכמו"כ **וכל שכן** בנידן דידן . .

. . דורך דעם אופן החינוך ווי מען דארף **-** און דא~~ס~~**ן** קען העלפען דע~~ס~~**ר** ~~בכל~~ אשר תעשה . .

. .צו יעדען אידען בנוגע זיינע קינדער, ..

* און דורך זיי ווערען אויך געבענטשט . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . וועט דאס מבטל זיין אלע גזירות ~~טבעיים~~ . .

* וואס דער הויפט שונא איז דער יצה"ר . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . כי כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם . .

-יד-

דער סדר פון די ד׳ פרשיות וואס מען לייענט פאר פסח איז; פ׳ שקלים, דערנאך פ׳ זכור, פ פרה און פ׳ החודש.

פרשת שקלים לייענט מען פאר ר״ח אדר, ווייל באחד באדר משמיעין על השקלים, וואס מען דארף האבען פאר די קרבנות פון נייעץ יאהר,

פרשת זכור לייענט מען פאר פורים. ווייל פורים איז דאך געווען מפלת המן, וואס ער איז געווען מזרעו של עמלק, לייענט מען זכור את אשר עשה לך עמלק פאר פורים, לקיים מה שנאמר נזכרים ונעשים, נזכרים קודם לנעשים, פ׳ זכור איז די זכירה און פורים דעם די עשי׳.

אין מדרש שטעהט, אז בזכות וואס אידען האבען געגעבען דעם מחצית השקל, האבען געווען מפלת המן, וואס ער האט געזאגט עשרת אלפים ככר כסף אשקול וגו׳.

דערמיט פארשטעהט מען די שייכות פון פ׳ שקלים און פ׳ זכור און אויך די קדימה פון פ׳ שקלים צו פ׳ זכור, ווייל דאס וואס אידען האבען זיך מקדים געווען מיט דעם ענין השקלים, דאס האט געבראכט דעם נס פון פורים, וואס הויבט זיך אן, בזכירה, מיט די קריאה פון פ׳ זכור.

דאס איז אבער די גאולה פון פורים, וואס ס׳איז נאך ניט קיין גאולה שלימה, כמאמר אכתי עבדי דאשחורוש אנן. נאך דעם געהט די גאולה פון פסח וואס דאס איז א גאולה שלימה, און די הכנה צו דעם איז פ׳ פרה און פ׳ החודש.

בנוגע די צוויי פרשיות, פ׳ פרה און פ׳ החודש, שטעהט אין ירושלמי, אז באמת האט מען געדארפט לייענען פ׳ החודש פאר פ׳ פרה. ווארום פ׳ החודש איז געזאגט געווארען באחד בניסן און שריפת הפרה איז געווען בשני בניסן, נאר צוליעב דעם וואס פרשת פרה איז טהרתן של ישראל, דערפאר לייענט מען פ׳ פרה פריהער.

דארף מען פארשטעהן דעם תירוץ פון ירושלמי. אין פלוג וואס פאר א שייכות האט טהרתן של ישראל מיט פ׳ החודש, אז אנדערש קען ניט זיין דער ענין פון פ׳ החודש, נאר דוקא אחרי שהרתם של ישראל. היינט דאך ניט פרשת הפסח, נאר פרשת החודש, דער דין פון קידוש החודש, איז וואס איז נוגע צו קידוש החודש די הקדמה פון טהרה.

דאס וואס צו הקרבת הפסח דארף פריהער זיין די הקדמה פון טהרה איז, ווייל הקרבת הקרבנות דארף זיין בטהרה. אויך מצד פנימיות הענין איז מובן וואס די גאולה פון פסח איז תלוי בטהרה, ווייל דאס איז ע״ד הגאולה דלעתיד, וואס דאמאלסט וועט זיין ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ, במילא דארף זיין פריהער דער ענין וזרקתי עליכם מים טהורים.

אבער צום ענין פון קידוש החודש האט דאך אין פלוג ניט קיין שייכות דער ענין פון הקדמת הטהרה.

דערפון וואס דער ירושלמי זאגט אז פאר פרשת החודש דארף מען האבען טהרתם של ישראל, איז מען מוכרח צו זאגען אז דער ענין פון קידוש החודש האט צוטאן מיט דעם ענין הגאולה, און דערפאר דארף זיין די קדימה פון טהרה, אזוי ווי דאס דארף זיין קודם הגאולה.

דער ביאור אין דעם איז: דער ענין פון ראש חודש איז דאך מולד הלבנה. נאכדעם ווי די לבנה איז געווען בהעלם והסתר, ווערט זי צוריק נולד ונתחדש. דאס איז ארמז אויף אידען, ישראל נמשלו ללבנה. נאך די אלע העלמות והסתרים שבזמן הגלות, ווערט דער מולד וואס דאס איז די התחלת הגאולה.

דער זמן פון דעם איז בראש חודש ניסן, וואס אויף דעם שטעהט החודש הזה לכם ראש חדשים. רז״ל דרשנ׳ן א גזירה שוה, הזה הזה, מתן תורה שטעהט אויך הזה. ביום הזה באו מדבר סיני. מ״ת איז דאך דער ענין הגאולה, כמארז״ל אל תקרא חרות אלא חירות (בצירי), חרות מיצה״ר ומה״מ ומשיעבוד מלכיות, אויך ברח״ח ניסן, החודש הזה, האט זיך אנגיהויבען, די אחחלתא דגאולה.

**עמוד 21**

*<u>הקדמת טהרה לגאולה</u>*

דער סדר פון די ד' פרשיות וואס מען לייענט פאר פסח איז: ~~אז פריער געהט~~ פ' שקלים, דערנאך פ' זכור, ~~דערנאך~~ פ' פרה און ~~דערנאך~~ פ' החודש . .

. . ~~און דערפאר לייענט מען פ' שקלים פאר ר"ח אדר~~ . .

. . ~~דערפאר~~ לייענט מען זכור את אשר עשה לך עמלק פאר פורים . .

. . פ' זכור איז די זכירה און פורים - ~~איז~~ די עשי' . .

. . אין ~~מדרש~~ **גמרא** שטעהט . .

. . ~~האבען זיי זוכה~~ **איז** געווען ~~אז~~ מפלת המן . .

. . דערמיט פארשטעהט מען **אויך** די שייכות פון פ' שקלים און פ' זכור . .

. . דאס איז אבער ~~מער ניט ווי~~ די גאולה פון פורים . .

. . און די הכנה צו דעם איז ~~די~~ פ' פרה און פ' החודש . .

. . ~~וואס זיינען א הכנה צו די גאולה פון~~ . .

. . ווארום פ' החודש איז געזאגט געווארען **ב**אחד בניסן . .

. . ~~במילא האט מען עפ"י סדר געדארפט לייענען פריהער פ' החודש און דערנאך פ' פרה~~. נאר צוליעב דעם וואס בפרשת פרה איז ~~תלוי~~ טהרת~~ם~~**ן** של ישראל . .

. . ~~באמת~~ דארף מען פארשטעהן דעם תירוץ . .

. . וואס פאר א שייכות האט טהרת~~ם~~**ן** של ישראל מיט פ' החודש . .

. . ~~פרשת החודש איז דאך **עיקרו** ניט דער ענין פון הקרבת הפסח, דערפאר~~ **עס** הייסט דאך ~~דאס~~ ניט פרשת הפסח . .

. . דער דין פון קידוש **וראש** החודש . .

. . ~~דאס וואס צו הקרבת הפסח דארף פריהער זיין די הקדמה פון טהרה איז, ווייל הקרבת הקרבנות דארף זיין בטהרה. אויך מצד פנימיות הענין איז מובן וואס די גאולה פון פסח איז תלוי בטהרה, ווייל דאס איז ע"ד הגאולה דלעתיד, וואס דאמאלסט וועט זיין ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ, במילא דארף זיין פריהער דער ענין וזרקתי עליהם מים טהורים.~~

~~אבער צום ענין פון קידוש החודש האט דאך אין פלוג ניט קיין שייכות דער ענין פון הקדמת הטהרה.~~

~~דערפון וואס דער ירושלמי זאגט אז פאר פרשת החודש דארף מען האבען טהרתם של ישראל, איז מען מוכרח צו זאגען אז דער ענין פון קידוש החודש האט צוטאן מיט דעם ענין הגאולה, און דערפאר דארף זיין די קדימה פון טהרה, אזוי ווי דאס דארף זיין קודם הגאולה~~ . .

. . דער ענין פון ראש חודש איז ~~דאך דאס דער~~ מולד הלבנה. ~~וואס~~ נאכדעם ווי די לבנה איז געווען בהעלם והסתר . .

. . דאס איז **אויך א**~~מ~~רמז אויף אידען, ~~ווארום~~ ישראל נמשלו ללבנה . .

. . ווערט ~~צוריק~~ דער מולד וואס דאס איז די התחלת הגאולה . .

. . וואס אויף דעם שטעהט החודש הזה לכם ראש חדשים, ~~און די~~ רז"ל **(שבת פו, ב)** דרשנ'ן א גזירה שוה, <u>הזה</u> <u>הזה</u>, ~~וואס ביי~~ **מיט** מתן תורה **וואו עס** שטעהט אויך הזה . .

. . ~~און ב~~מ"ת איז דאך ~~געווען~~ **אויך** דער ענין הגאולה . .

. . חרות מיצה"ר ומ**מ**ה"מ ומשיעבוד מלכיות~~, אזוי~~ **דאס לערנט אונז אז** אויך בר"ח ניסן, החודש <u>הזה</u>, **איז דא דער ענין. עס** האט זיך אנגיהויבען, די אתחלתא דגאולה . .

-סו-

בראש חודש ניסן איז געווען די גאולה בלויז בהתחלה ובכח, דער פועל הגאולה האט זיך אנגעהויבען בט"ו בניסן, דקיימא סיהרא באשלמותא, און $$$$$$$$$$$ צוגעקומען צו איהר תכלית הכוונה בשעת מתן תורה.

איז כשם ווי פאר דער גאולה בפועל דארף מען האבען פריהער די טהרה בפועל, אזוי אויך פאר די גאולה בכח דארף מען האבען טהרה בכח.

קריאת התורה איז א נתינת כח כידוע, דערפאר לייענט מען פריער פ' פרה, וואס דאס איז טהרה בכח, און דערנאך פ' החודש, און ר"ח ניסן, וואס דאס איז גאולה בכח.

און דאס איז דער סדר פון טהרה וגאולה: פרשת פרה, טהרה בכח, דערנאך פרשת החודש וחדש חודש ניסן, גאולה בכח. דערנאך שני בניסן, טהרה בפועל, דערנאך ט"ו בניסן ביז מתן תורה–גאולה בפועל.

= = *

די הוראה וואס מען בעדארף דערפון ארויסנעמען:

אזוי ווי צוקומען צו אמת'ע טהרה קען עס זיין נאר בביאת המשיח דוקא, וואס דאמאלסט וועט זיין ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ,

–ווארום בביאת המשיח וועט נאך זיין דער רוח הטומאה, ווי עס שטעהט דער לשון אין רמב"ם, אז משיח יכוף כל ישראל, אז זיי זאלען לערנען תורה און מקיים זיין מצוות. וויבאלד אז ער זאגט דעם לשון יכוף איז א ראי', אז וועלען דאס ברצונם הטוב, ווייל עס וועט נאך דאמאלסט זיין דער רוח הטומאה, און משיח'ס עובדא וועט זיין ארויסצונעמען דעם רוח הטומאה מן הארץ–

קען מען דאך מיינען, אז איצטער דארף מען גארניט טאן און פארלאזען זיך איינגאנצען אויף משיח'ן, אויף דעם איז די הוראה פון קריאת פרשת פרה; בכדי צוקומען צו די טהרה וגאולה בפועל, דארף מען האבען פריהער א הכנה. מען דארף טאן דעם ענין הטהרה וויפיעל מען קען. מסהר זיין זיך פון אבי אבות הטומאה, במילא וועט מען פטור פון די אבות ותולדות הטומאה, און דאס דוקא ברייננגט די טהרה וגאולה בפועל, בביאת משיח צדקנו בב"א.

(משיחת ש"פ מברכים ניסן, פ' החודש, תשט"ז)

החודש הזה לכם ראש חדשים, זאגט ער אויף דעם אין של"ה, אז דער גאנצער חודש (ניסן) איז ראש חודש. אזוי ווי ראש חודש איז ניט קיין יום המעשה, אזוי אויך דער גאנצער חודש ניסן. און דער של"ה איז מבאר; די ערשטע צוועלף טעג זיינען געווען די קרבנות הנשיאים, וכל נשיא הי' עושה יו"ט באותו יום, י"ג ניסן איז דער אסרו חג פון די י"ב ימים, י"ד ניסן צינדט מען אן דעם נר הוי' נשמת אדם ובודקין את החמץ, דערנאך געהט די זיבען טעג פסח, די שבעת ימי ההיקף,

דער ביאור אין דעם איז:

ראש חודש איז דאך דער ענין המולד, וואס אין דעם איז דא צוויי נקודות: איין נקודה איז תכלית ההעלם וואס איז געווען פאר דעם מולד, און דערנאך די נקודת המולד.

אין די עבודה פון אידען שנמשלו ללבנה, איז אויך פאראן די צוויי נקודות: בשעת ער איז זיך מתבונן במעמדו ומצבו, אז אפילו אויב ער האט געלערנט און מקיים געווען מצוות ובאהבה רבה, אבער ער איז עומד לפני המלך, ומאן דמחוי במזוג קדם מלכא וכו', איז דאך ניט נאר וואס דאס איז ניט קיין עבודה, נאר אדרבא.

ווערט בא איהם דאמאלסט צוויי נקודות. א נקודה פון זיך ביי איהם אן א נייע עבודה. דאס איז דער ענין פון ר"ח, און עס הויבט אין עבודה, וואס בכללות איז דאס די עבודה פון תשובה.

דורך די עבודה פון תשובה ברייננגט מען דאך די גאולה, אזוי ווי ער פסק'נט אין רמב"ם, ישראל עושין תשובה מיד נגאלין. און ווי דער אלטער רבי אין אגרת התשובה בענין ברכת השיבנו, אז באלד נאך ברכת השיבנו וסלח לנו זאגט מען $$$$$$$$$ ברכת גאלנו.

**עמוד 22**

. . ~~נאר~~ בראש חודש ניסן איז **אבער** געווען די גאולה בלויז בהתחלה ובכח, ~~אבער~~ . .

. . דקיימא סיהרא באשלמותא, און **די גאולה איז** צוגעקומען צו איהר **שלימות ו**תכלית הכוונה בשעת מתן תורה . .

. . איז כשם ווי פאר ~~די~~**ער** גאולה בפועל דארף מען האבען פריהער די טהרה בפועל, ~~ווי מען האט פריהער מבאר געווען~~ **וזרקתי עליהם מים טהורים** . .

. . ~~און דערפאר לייענט מען פ' פרה פאר פ' החודש~~ . .

* * *

. . אזוי ווי צוקומען צו אמת'ע טהרה **ותכליתה** . .

. . ~~ד.ה. אז משיח וועט אויפטאן דעם ענין אראפנעמען דעם רוח הטומאה~~ . .

. . אז משיח <u>יכוף</u> ~~את~~ כל ישראל . .

. . אז ~~זיי~~ **ניט אלע** וועלען דאס ~~ניט ווערעטאן~~ **טאן** ברצונם הטוב . .

. . ~~וואס ער וועט אראפנעמען דעם רוח הטומאה~~, אויף דעם איז די הוראה פון קריאת פרשת פרה: ~~אז~~ בכדי צוקומען צו די טהרה וגאולה בפועל **ובשלימות**, דארף מען האבען פריהער א הכנה. ~~פון קריאת התורה~~ . .

. . מטהר זיין זיך פון אבי אבות הטומאה, **וע"ד מרז"ל כל העוסק בתורת חטאת כאילו הקריב חטאת, חטאת קרי' רחמנא**, במילא ווערט מען פטור ~~ווערען~~ פון די אבות ותולדות הטומאה . .

<u>*ניסן חודש הגאולה*</u>

. . זאגט ער אויף דעם אין של"ה **(ס"פ בא)**, אז דער גאנצער חודש (ניסן) איז א **ווי** ~~ענין פון~~ ראש חודש . .

. . און דער של"ה איז מבאר: ~~ווייל~~ די ערשטע צוועלף טעג זיינען ~~דאך~~ געווען די קרבנות הנשיאים . .

. . די שבעת ימי ההיקף~~,~~. ~~וואס פון זיי ווערט נמשך על כל השנה~~ . .

. . צוויי נקודות: איין נקודה איז - ~~דער~~ תכלית ההעלם וואס איז געווען פאר דעם מולד, און דערנאך ~~איז פאראן~~ די נקודת המולד . .

. . איז אויך פאראן די צוויי נקודות:

* בשעת ער איז זיך מתבונן . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . אבער ~~אז ער איז זיך מתבונן אז~~ ער איז **דאך** עומד לפני המלך . .

. . נאר אדרבא. ~~היפך העבודה~~ . .

. . א נקודה פון ~~העלם והסתר פון זיין פריהערדיגע עבודה, אז ער זאהט אז דאס אז גארניט~~, **ביטול בתכלית** . .

. . ~~דער ביטול במציאות ממדריגתו הקודמת~~, וואס בכללות איז דאס די עבודה פון תשובה. **אסורה מכאן אתקרב לשם**. . .


-סז-
דערפאר שטעהט אויף ר"ח, אז דער אויבערשטער זאגט הביאו עלי כפרה שמיעטתי את הירח. מיעוט הירח איז כידוע די סיבה אויפן חטא עה"ד, דער מקור פון אלע חטאים, וואס דאס איז די סבה פון גלות. ר"ח נעמט אראפ דעם ענין פון מיעוט הירח ובמילא דעם סבת הגלות. ~~ווארום וויבאלד אז~~ ר"ח ~~איז~~ די ~~עבודה~~ פון תשובה, ~~במילא~~ נעמט ער אראפ דעם גלות און ברייננט די גאולה.
און דאס איז דער ענין וואס ער זאגט אין של"ה, אז דער כללות חודש פון ניסן איז א ענין פון ראש חודש. ווייל בניסן איז דאך די עבודה פון ביעור חמץ, אראפנעמען די ישות והתנשאות און פועל'ן ביי זיך דעם ענין הביטול וואס דאס איז דער ענין פון תשובה, און מצד דעם איז בניסן נגאל. ובניסן עתידין להגאל.
(משיחת ש"ק מברכים ניסן, תשמ"ז)

**עמוד 23**

. . וואס דאס איז די סבה פון גלות **מפני חטאינו גלינו** . .

. . ~~ווארום וויבאלד אז~~ ר"ח ~~איז~~ ~~די~~**ער** ~~עבודה~~ **ענין** פון תשובה, במילא נעמט ~~ער~~ אראפ דעם גלות . .

**כנגד ארבעה בנים דיברה תורה**

אין די ארבעה בנים רעכענט אויס דער בעל הגדה אלע סוגים אידען, וואס עב קען נאר זיין.

אחד חכם, דאס איז דער קצה היותר ימיני, ואחד רשע, דאס איז דער קצה היותר שמאלי. און אחד תם ואחד שאינו יודע לשאול בנתיים. דער רשע איז ערגער פון זיי, ווארום עס איז א ענין פון יודע את רבונו ומכוון למרוד בו, מה שאין כן דער תם ושאינו יודע לשאול.

די אלע ארבעה בנים, ד. ה. די אלע סוגים וואס איז דא אין אידען, האט מען זיי אלעמען איינגעשטעלט אין דער הגדה. אלעמען דארף מען אריינגעמען אין סדר.

געוויס איז דער צוגאנג ניט צו יעדער איינעם דערזעלבער. אמאל דארף מען גייען מיט יענעם מיט קירוב, אמאל איז א סדר, פון הקהה את שיניו, אבער די כוונה פנימית אין דעם איז אריינצונעמען איהם אין סדר.

און וויבאלד אז כנגד ארבעה בנים דיברה תורה, אז דאס איז א דיבור פון תורהצו פארנעמען זיך מיט זיי, במילא זיינען אלע אויפן זעלבען וואג-שאל, ווארום אין תורה איז דאך יעדער דיבור פרטי נוגע צו גאנץ תורה, בשעת עס פעהלט איין אות אין א ספר תורה איז דאס נוגע אין דעם קדושה פון אלע אותיות פון דער תורה. ניט קוקענדיג וואס פאר א דיבור דאס איז, עס איז נוגע דער דיבור וועלכער איז פארבונדען מיטן אחד חכם, אב וואס צו איהם איז דער ציווי פון והגדת לבנך, וואס דער אב מיינט עס אבינו שבשמים, וואס ער פארענטפערט און נעמט אראפ אלע קושיות, אזוי איז אויך נוגע דער דיבור וואס איז פארבונדען מיטן אחד רשע, וואס דורך דעם דיבור ווערט די שלימות הקדושה אין כללות התורה.

אין פלוג קען מען דאך פרעגען, היתכן, ער איז דאך א רשע און כופר בעיקר. אויף דעם זאגען רז"ל, אעפ"י שחטא ישראל הוא. לשון רז"ל איז מדוייק. פארוואס שטעהט עפעס דער לשון ישראל הוא, עס האט דאך געקענט שטעהן יהודי. נאר ישראל איז ר"ת יש ששים רבוא אותיות לתורה. דאס מיינט, אזוי ווי אין תורה איז דאך די גאנצע תורה תלוי אין איין אות, אין יעדער אות, אזוי אויך איז דער כללות ענין פון אידען. בנים אתם להוי' אלקיכם, מיט אבינו שבשמים, זיינען אלע כביכול תלוי אין יעדער אידען בפרט. דורכדעם וואס מען וועט אריינעמען אויך דעם רשע אין סדר, וועט זיך אויספיהרען די כללות הכוונה פון אלע ענינים.

און בשעת מען געהט דעם סדר אויף טאן מיט אלע ארבעה בנים, דאמאלסט האט מען דאס וואס ער זאגט פאר דעם -פאר די ווערטער כנגד ארבעה בנים- ברוך הוא, אז מען בענטשט דעם אויבערשטען ער זאל נמשך ווערען און נתגלה ווערען דא למטה, אז אומעטום זאל מאיר זיין דער אחדות הוי', עס זאל נמשך ווערען דער אחד אין דעם חכם, אין דעם תם ושאינו יודע לשאול, ביז אז אויף אין דעם רשע זאל נתגלה ווערען דער אחד וואס איז דא אין איהם.

(משיחת ליל ב' דחגה"פ תשט"ז)

**וירד מצרימה אנוס עפ"י הדבור**

אויף דעם ויגר שם מלמד שלא ירד כו' אלא לגור, ברייינגט דער בעל הגדה א ראי' שנאמר וכו', אבער אויף דעם וואס ער זאגט פריהער וירד מצרימה אנוס עפ"י הדיבור ברייינגט ער ניט קיין ראיות.

משמע דערפון, אז דאס איז א דבר פשוט ביותר, אז מען דארף גאר אויף דעם קיין ראיות ניט.

בכדי דאס צו פארשטעהן דארף מען מקדים זיין, וואס איז די כוונה פון דעם סיפור, אז ירידת יעקב למצרים איז געווען באונס עפ"י הדיבור. אין פלוג מאי דהוה הוה, נאך וואס דערציילט מען דאס און וואס איז די הוראה פון דעם לעבודתנו עתה.

דער פשט אין דעם איז:

אז מען טראכט זיך אריין אין דעם איצטיגען מעמד ומצב, אז מען געפינט זיך אין א חושך כפול ומכופל, קען מען דאך אריינפאלען אין א יאוש און טראכטען, ווי וועט מען גאר קומען צו דער גאולה.

אבער באמת איז, אז טיפער אריינטראכטענדיג אין דעם ענין, דארף גאר ווערען די קושיא, ניט ווי וועט מען קומען צו דער גאולה, נאר אדרבא, ווי

**עמוד 24**

*כנגד ארבעה בנים דיברה תורה*

. . און אחד תם ואחד שאינו יודע לשאול ~~זיינען~~ בנתיים. ~~ווייל~~ דער רשע איז ערגער פון זיי . .

. . מה שאין כן דער תם ושאינו יודע לשאול. ~~ווייסען ניט~~ . .

. . אלעמען דארף מען אריינגעמען ~~אין~~ **צום** סדר . .

. . ~~אמאל~~ **מען** דארף ~~מען~~ געהן מיט יענעם מיט קירוב, ~~און~~ **אבער** אמאל איז ~~דא~~ א סדר פון הקהה את שיניו . .

. . אריינצונעמען איהם ~~אין~~ **צום** סדר ~~פון הגדה~~ . .

. . ~~אזוי איז דאך עפ״י דין אז~~ בשעת עס פעהלט איין אות*) אין א ספר תורה, איז דאס נוגע אין דעם קדושה פון אלע אותיות פון דער תורה *[העביר לכאן את הפיסקא הבאה]* ניט קוקענדיג וואס פאר א דיבור דאס איז. ~~און במילא איז די זעלבע זאך ווי~~ עס איז נוגע דער דיבור וועלכער איז פארבונדען מיטן אדם חכם, ~~אדער נאך מערער, דעם~~ **מיטן** אב וואס צו איהם איז דער ציווי פון והגדת לבנך . .

. . אזוי ~~ממש~~ איז אויך נוגע דער דיבור . .

. . וואס דורך דעם דיבור ~~פרטי~~ ווערט די שלימות הקדושה אין כללות התורה . .

. . ער איז דאך א רשע און ~~כו~~**כפר** בעיקר . .

* אויף דעם זאגען ~~די~~ רז״ל, ישראל אעפ״י שחטא ישראל הוא . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

* ~~דער~~ לשון רז״ל איז מדוייק . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . עס האט דאך געקענט שטעהן יהודי, **וכיו״ב** ~~בן אברהם יצחק ויעקב, פארוואס איז דער לשון דוקא ישראל~~ . .

* נאר ישראל איז ר״ת . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . דאס מיינט: אזוי ווי אין תורה איז דאך די גאנצע תורה תלוי׳ אין איין אות . .

. . ~~דוקא~~ * דורכדעם וואס מען וועט אריינעמען . . *[סימן להתחיל פיסקא חדשה]*

. . ~~דורך דעם דוקא~~ וועט זיך אויספיהרען די כללות הכוונה פון אלע ענינים . .

. . און בשעת מען געהט **צו** דעם סדר אויף טאן מיט ~~די~~ אלע ארבעה בנים ~~וואס דיברה תורה~~ . .

*וירד מצרימה אנוס עפ״י הדבור*

. . ~~איז~~ משמע דערפון . .

. . אין פלוג מאי דהו**אה** הו**אה**, נאך וואס דערציילט מען דאס **אונז** . .

. . ~~נאר~~ דער פשט אין דעם איז . .

. . ווי וועט מען גאר קומען צו דער גאולה **ובפרט ווי חסידות איז מבאר דעם עילוי פון ימות המשיח והגאולה - איז ווי וועט מען קומען דערצו פון איצטיגען חושך הגלות** . .

. . אבער **דער** ~~ב~~אמת איז . .

---

***) ראה זהר ח״ג עא, א. ת״ז תכ״ה. שו״ת נודע ביהודא מה״ת או״ח סק״ט. אבני נזר יו״ד ח״ב סשע״א.**

25

עס איז דאך בנים אתם להוי' אלקיכם, און ווי עס איז מבואר אין תניא באריכות כמשל הבן הנמשך ממוח האב, אויבערשטען און באמת איז דאך אין המשל דומה לנמשל, ווארום דער בן הגם ער איז נמשך ממוח האב, אבער שפעטער ווערט ער א מציאות לעצמו, עס איז דאך בלויז ברא כרעא דאבוה, און ער איז ניט מחוייב למסור נפשו בעד אביו, הייך קודמין, ווייל ער איז א מציאות לעצמו, מה שאין כן אין נמשל, זיינען דאך נש"י מאל מיוחד מיטן אויבערשטען, אז זיי זיינען איין זאך, בדוגמא אז אידען געפינען זיך אין גלות איז דאך דער אויבערשטער כביכול אויך אין גלות, כמאמר גלו שכינה עמהם.

איז דאך באמת א גרויסע קושיא, ווי איז דאס מעגליך אז די אידען צוזא-מען מיטן אויבערשטען זאלן זיך געפינען אין גלות, און אויב זיי געפינען זיך יע אין גלות-באט דאך דער גלות געדארפט נתבטל ווערען, דעם וואס דארפן געפינען זיך די אידען מיטן אויבערשטען.

די קושיא איז מצד צוויי ענינים: הא', דער אויבערשטער מיט אידען, ווי איז שייך אויף דעם א גלות; והב', מצד דעם גלות. דער גלות איז דאך א מוגבל, וואס דערפאר ווערט דאס אנגערופען מצרים, מצרים וגבולים, דער אויבערשטער מיט אידען זיינען דאך בלי גבול, היינט ווי קען גבול מקבל זיין אין זיך א ענין פון בלי גבול. מען קען ניט אריינשטעלן א פילא בקופא דמחטא. הגם ביידע זיינען מוגבלים, פונדעסטוועגען קען דער גבול פון קופא דמחטא ניט אריינ-נעמען אין זיך א גרעסערען גבול פון דעם פילא. מכל שכן אז דער גבול פון גלות קען אין זיך ניט קענען אריינעמען דעם בלי גבול פון אויבערשטען און אידען.

וממה נפשך, אויב דער אויבערשטער כביכול און אידען געפינען זיך יע אין גלות האט געדארפט נתבטל ווערען מציאות הגלות, ווארום וויבאלד איז דער גלות איז קיינן בלי ניט צו דעם, האט עס געדארפט נתבטל ווערען פון איהם מציאות.

ומה דאך בשעת מחנה סנחריב האט געהערט שירת המלאכים, וואס מלאכים זיינען נידעריגער פון נשמות כידוע, זיינען זיי נתבטל געווארען ממציאותם, מכל שכן בשעת עס געפינען זיך נשמות ישראל וואס זיינען איין זאך מיטן אויבערשטען, האט דאך געדארפט נתבטל ווערען אלע הגבלות פון גלות.

דער איינציגער תירוץ אויף דעם; דער אויבערשטער איז א כל יכול, פאר עם איז ניטא קיינע הגבלות און קיינע קושיות. ברצונו האט ער אויפגעמאכט דעם גלות און זיך אליין כביכול אריינגעשטעלט אין איהם, און דער גלות, הגם ער איז ניט קיין כלי צו דעם וואס עס געפינט זיך אין איהם, בלייבט דאך במציאותו.

אז מען טראכט זיך אריין אין דעם, איז דאך ניטא קיין קלער ווי מען וועט קומען צו דער גאולה. ווארום באמת איז דאך אדרבא דער גאנצער ענין הגלות האט ניט קיין ארט אין שכל והשגה. עס איז מער ניט ווייל כך עלה ברצונו ית', מצד א געוויסע כוונה, איז בשעת אז די כוונה וועט זיך אויספיהרען און נשלם ווערען, וועט דאך קומען די גאולה בדרך ממילא וממילא.

